STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05166

TRIT IN GAN-ODEM

Arie Shamri

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Judy E. Tenney
in memory of
her four Yiddish speaking grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי / טריט אין גן־עדם

אריה שמרי

טריט אין גן־אָדם

ספרית פועלים
הוצאת הקיבוץ הארצי השומר הצעיר, מרחביה

PRINCETON JEWISH CENTER LIBRARY

ARYEH SHAMRI

TRIT IN GAN ODOM

Poems

שער־בלאַט — יחזקאל קמחי

YIDDISH POETRY

810.12
SHA

©

Published by „Sifriat Poalim", Israel
כל הזכויות שמורות לספרית פועלים בע"מ

נדפס בישראל תשכ"ה

דפוס „ארזי", תל־אביב

געצייכנט פון ב ע ן

אין שאָטן פון מילגרוים

PRINCETON JEWISH CENTER LIBRARY

*

הייב אָן בײַ זיך אַליין,
בײַם צוק און שטראָם פון דײַן געאָדער,
דאָרט, ווו דאָס וועלטגעוויין
אין דײַנם אַ טרער האָט זיך פאַריאָדערט.

פאַרזיגלט שווײַגט איצט דאָרט
דער בראַנד פון בליץ און שפריי פון שלאַקסן.
זאָל עפענען דאָס וואָרט
דעם סוד פון פײַן און סוד פון וואַקסן.

הייב אָן בײַ זיך אַליין,
בײַ דעם דופק, ווו ביימער רוישן
מיט וואָרצלען אויף געשטיין,
צווייט אין ווינט, גלויבן אין אַנטוישן.

צו דיר

צו דיר, וואָס ביסט נאָך נישט פאַראַנען,
וואָס קיינער ווייס נאָך נישט דיַין נאָמען,
ווערטער — פיַיער, ווי פּילגערס שפּאַנען
דורך מידברן פון מיַין נשמה.

פון אַלעמען — כ׳האָב נאָר דיך אַליין,
אין זעונגען אַ געפונענער,
צו דערוואַרטן דיך, אַקעגנגיין
און חלומען דיַינע ברונעמער.

ווו ביסטו ווו? ווו דיַין ערגעץ־ווו
אין ציַיטן די, די ווילדלויפיקע?
נישט אין דעם בלאָ פון דער בערגער־רו,
נאָר דאָ, אין רויט פון מיַין דופקן.

וועסט נאָך ווען דורך מיַינע אָדערן
מיט ליכט דורכליַיטערן דיַין נאָמען.
פון טיפעניש, דורך אַלע קנאָדערן
וועט צו דיר זינגען מיַין נשמה.

זע דעם באַרג

וואָס הייך און וואָס אָדלער — וואָס גרויסער פּאַרנעם?
זע דעם באַרג, ווי ער איז — אין שטייניקן קלעם.
דאָס אַלדי בלאָ פון דער וועלט נעמט אים אַרום,
נאָר אין אים אַ געוויין, נאָך שטומער פון שטום.

זע דעם באַרג, ווי ער קניט אין בלאָען געלענד;
אין דעם שקיעה־שײַן — ווי ער פיבערט און ברענט.
ער, בײַ די שוועלן פונעם העכסטן גענאָד —
זע, ווי ער בלוטיקט בײַ די קנעכלעך פון גאָט.

אַ נאַכט שפּרייט זיך אויס אויף דעם ערדענעם פליין
און די פײַערלעך פינקלען אויף אַזוי שיין,
נאָר זיי, הויכע פעלדזן, וואָס זאָלן זיי טאָן?
קיין איין שטערן פון הימל רירט זיי נישט אָן.

אַז צו וואָס זיי די הייך, דער קלעטער דאָרט הויך
אין פּענטן פון וואָלקנס, נעפּל און רויך,
אין עלנטע בלאָען פון ערגעצן העט?
נאָר ווי טרעפּ זענען זיי און גאָט טרעט און טרעט.

עס מאָנען די פעלדזן זײַן האַנט און זײַן שטים,
נאָר אַזוי ווײַט בלײַבן די נאָענטסטע צו אים
און אַזוי האַרט און שווער די בערגערס געוויין.
הער זיך אײַן, הער זיך אײַן, עס קען רירן אַ שטיין.

אַזוי רעדט דער ים

יאָרן־לאַנג בין איך אַ שפּיל אין די דלאָניעס פון גאָט,
געשלײַדערט ווער איך אויף זײַן באָראָט,
ער וואַרפט מיך צום ברעג און נעמט מיך צוריק.

אַ טײַך רירט כאָטש אָן אַ לאָנקע מיט מאָן
און ווי אַ היימישער דאַך איז זײַן וועלביקע בריק,
נאָר איבער מיר, אויף מײַן גוף, קרייצן שיפן פאַרבײַ
און שנײַדן מײַן בוזעם מיט שטאָל און מיט בלײַ.
אַזוי פיל בלוט אין מײַן בלאָ
און אַזוי פיל טויט אויף מײַן דנאָ.

שיפן, שיפן — ריזיקע שטעט,
ליגן אויף גרונטן מיט מאָכן באַדעקט.
אין יעדער קאַיוטע — אַ קאַלטער סקעלעט,
פון חלום — אַ שאַרבן, וואָס גליווערט און שרעקט.

יאָרן־לאַנג שוין אַזוי — בין איך קבר פאַר ערד,
פאַר זעגל און נעץ און פּיראַטישער שווערד.
איך וויל — זאָגט דער ים — נישט בלײַבן דײַן שפּיל,
מיט בלוט אויפן דנאָ און מיט בלאָען פאַרהיל.

איך וויל — זאָגט דער ים — מיט מײַן אייגענער האַנט
זיך וויגן אין שטילקייט צום פרידלעכסטן לאַנד,
מיט אמתן בלאָ פון מאַטראָסישן אויג,
מיט שטערנשן שײַן פאַרן מינערסטן רויג;

איך וויל — זאָגט דער ים — כאָטש ווערן אַ טײַך,
און אַפילו גאָר נאָר — מיט אַ קריגל צוגלײַך,
ווײַל אַזוי — בין איך מידבר פון וואַסער, נישט מער,
און אין גאַנצן בין איך אַ פאַרלוירענע טרער
פון גרויסן געוויין,
פון דיר, גאָט, אַליין.

אַזוי רעדט דער ים מיט שוימיקע רייד
פון זײַן בלוטיקער טיף און מידבּרשער ברייט.
אַזוי ברומט דער ים אין ווילדן געכוואַל
און מיט שליימיקן שאָרך זאָגט אים נאָך דער קאָראַל,
און פּלוצעק צעפּליסטערט אין ווילדן געמיש —
בעטן פאַר אים די חבריא פון פיש,
ביז אויך די מעווע אין פלי
בייגט אין תפילה די קני,
און זיי מאָנען און בעטן אַלע בײַזאַם:

מיט איין טראָפּן רחמים
באַגנעדיק דעם ים.

געבעט פון ווערטער

שטיף נישט מיט אונדז — בעטן די ווערטער בײַ מיר.
מיר, ווערטער, גראָע לײַט זענען מיר,
מיט דאָרשטן פון לאַנג נישט געשטילט.
מיר זענען דער ווײ און דער וואָיע
פון דיר ביזן עלטסטן געווילד.

אַלט זענען מיר, זייער אַלט.
מיר זענען דער ה אַ
אין דער האַק פון קדמונישן וואַלד.
מיר זענען דער ר אַ
אין ראַץ פון רידל
בײַם גרויליקן גרוב,
און דער קראַעשער ק ר אַ
אויף אַ קאָפּ אין קנויליקן קנופּ, —
אַלט זענען מיר און אַלץ זענען מיר;

דאָס יובל-געשריי פון קינד
בײַם שפּרונג-אַרײַן אין דער וועלט
און דער ווײ-און-ווינד
בײַם פּאַל-אַרויס פון דער וועלט;
דער רחמים, וואָס קלאָגט,
און דער צאָרן, וואָס שעלט, —
אַלץ זענען מיר און אַלט זענען מיר.

אזוי רעדן צו מיר די ווערטער ביַי נאַכט,
יעדע זילב וויַיזט איר פלייש — אַ ווונד אויפגעמאַכט,
און איך פיל אור־לבנהשן רויט
אין בראַנד פון מיַין הויט.

בליַיב איך אזוי, קדמוניש און רוי,
אין דעם נאַכטיקן פענט פון אור־וועלטיקן וואלד,
און די ווערטער בעטן ביַי מיר מיט מענטשלעכן אוי:
שפּיל נישט מיט אונדז, מיר זענען אַלט.

לאַנד פון נאַכט

טראַכט און טראַכט,
ווי טיף און ברייט דאָס לאַנד פון נאַכט,
וויפל יאָר באַגראָבעניש פון מענטשנשטאָם,
און דור נאָך דור, גוף צו גוף בײַזאַם —
טונקל, שאַ און שטיל,
דאָ, אונטער דײַנע פיס,
אונטער די ברעטער פונעם דיל.

דו עסט דאָס ברויט פון נאַכטלאַנד, פון דער ערד,
טרינקסט די וואַסערן פון נאַכטלאַנד, פון דער ערד,
און שאַ, ווי נישט געהערט
דאָס געשריי, וואָס שרײַט פון דאָרט אַרויס.

פאַר נאַכט, ווען לייגסט זיך אויף די גראָזן אויס,
ווער גיט דיר זאַפטן אין געביין?
זאָגסט: אוי־אַ תענוג,
און הערסט נישט אוי־געוויין.
עס קומט די נאַכט מיט ליכט און רו בײַ ברויט און זאַלץ,
און זעסט נישט, ווי יאָרצײַטיק אַלץ —
דאָס ליכט, דער טיש, די ווענט און דער סופית.

דאָס ליכט פאַרצאַנקט און לעשט זיך אויס.
באַלד קאָן מען הערן אין יעדן הויז
מיליאָנען טריט.

*

נישט איך דערווידער צו פרייד,
נישט איך קלײַב אויס יסורים.
יעדנס שאָטן מיך באַגלייט,
איך גיי נאָך יעדנס שפורן.

איך בין אַ בן צו אָדם,
אײַן בונד פון ווונד געברידערט.
אויף רויטן אָדם-פּאָדעם
זיך סיליען מײַנע לידער.

און אויך אויף קוליע-שפורן
מײַן זינגיק, שוועביק וויגן.
ווײַל אויך אין די יסורים
באַדאַרף די וועלט אַ ניגון.

פנימער

לייען איך די פנימער פון מענטשן,
די גליווערניש און צוקעניש פון קינען —
לייען איך דאָס כּתב פון לאַווע
אויף אַש־וואַרג פון רוינען;
זע איך פליגל־רים אויף אַקסלען,
הער איך ברוך־געשריי פון ריפּן, —
מעק איך אָפּ די מילדע ווערטער
פון מײַנע ליפּן.

וואָרט פון אמת,
לײַטער עס און ברען עס —
איך ווער באַפוילן.

בליצן פנימער מיט צאָרן־בליקן
דורך מײַן שאַרבן ביז די זוילן;
פאַלן אַלע שלייערס, וואָס באַצירן און פאַרהוילן.
לייען איך די פנימער פון מענטשן
מיט טויזנט קושן אויף טויזנט גרוילן.

הײַנט

הײַנט האָב איך דערקענט, לויט מײַן שאָטן אויף דער וואַנט,
אַז אײנזאַם איז אויך יעדער פינגער אויף דער האַנט.

אַלײן שפּאַרט אַ בוים אין געדיכטן וואַלד,
אַלײן יוירט אַ זאַנג אין ברײטן פעלד,
און מיט אַ סך אַלײניקע
גײט אַ מענטש דורך גרויסער וועלט.

כ׳האָב נאָכגעקוקט די פײגל דורך מײַנע שויבן,
און אַלצאײנס, צי קראָען, צי טויבן —
אַלע פײגל זינגען אײנזאַם,
ווען זײ פליִען דערהויבן.

זײַ נישט טרויעריק, אײנזאַמקייט,
ביסט נישט אַלײן, אײנזאַמקייט.
זײַ געבענטשט
פון בוים, פון פויגל און פון מענטש.

צווישן ברויט און זאַנג

צווישן ברויט און זאַנג איז קאַרג מײַן פרייד און ווייניק.
איך קען די זאַנג — מיט ווינט און קראָט געאייניקט.
אַ קריינדל ווערט פון שטענגל אויפגעהויבן,
און גלײַך כאַפט עס ווער — צו באַרויבן.

צווישן ברויט און זאַנג —
דער מילשטיין־בלאַנק,
אַזאַ מעסערדיקער, פרעמדער.
דעם שניטערס גאַנג און שניטגעזאַנג
אויפן מילוועג ווערט פאַרענדערט.
וואָס טוט דער מילשטיין מיט דער זאַנג?
ער קאָן נאָר צעמורשטן און צעשטויבן.

איז קאַרג מײַן פרייד, איך צוים מײַן דאַנק,
אין שווײַגן איז מײַן לויבן.

אין סוד פון ווײַן

אויך אין גאָלדשוים פון די זוניקסטע געטראַנקען
געזען האָב איך די טרויב אויף שניטערס מידע פינגער,
און טרינקענדיק, מיט לויביקן באַדאַנקען,
האָב איך געפילט, אַז דער בעכער ווערט נישט גרינגער...

אַז עפּעס לאַסטיקט אויף די זיסטע דנאָען,
אינעם סאַמע לויטער פון פרייד און פרידן, —
ווינט און ווייטיק און שגעון,
ביטערע געזידן.

און ווען מען האָט די בעכערס הויך געהויבן,
אַז איך זאָל מײַן פרייד מיט אַלע טיילן —
האָט מײַן בליק געוואָגלט דורך די שויבן
ערגעץ צו אַ ווײַנשטאָקס שאָטן־היילן.

און ס'האָט אין מיר געשריִען בײַם לחיים,
ווי שאַקאַלן בײַ אַ ווײַנשטאָק שרײַען.

איינער בײַ שויבן

בײַ נאַכט האָב איך געזען דײַן קאָפּ אין פענצטער,
ס'האָט דײַן צער אַדורכגעשפּאַרט די שטאָרן
און דיך געוויזן, ווי אין וועלט דער פרעמדסטער,
אויף דיר האָבן גערעגנט מעטעאָרן.

איין מאַן אַליין אַקעגן גאַנצן חלל,
בײַ אויסגעלאָשענע און קאַלטע שויבן.
אַליין, אַריבער חורבות פון אַ חלום,
צווישן אַש פון ליבשאַפט און שטויב פון גלויבן.

אין פעלד האָט זומערנאַכט מיט גלוסט געאָטעמט
אויף גרעזל מינדסטן, אין געווידמען אַלע,
און ס'האָבן די פייגל זיך אָנגעבאָטן
מיט פּיו און צוויטש צו שפּיל פון חתן-כּלה.

נאָר דו אַליין, אין דײַן פאַראייִנזאַמט גליִען,
אויפן עלנט-רומל פון שפּעטע יאָרן, —
צו דיר האָט נאָר אַ סאָוועכע געשריִען,
אויף דיר האָבן גערעגנט מעטעאָרן.

טויטער גליוועך, ווי געפרוירן וואַלט דער תמוז,
און די נאַכט האָט נישט געוואָלט גוטער ווערן.
פון גערטנער האָט געזונגען ווי שולמית,
נאָר דיך האָבן געמיטן אַלע שטערן.

אויך מיך האָט דעמאָלט דער צעראָזטער מיזרח
טונקלדיק געלאָזט אין דער שעה פון פריִען.
כ׳האָב נישט געהערט די פייגלס העלן מיזמור,
אַ סאָווע האָט אין טאָג אַריינגעשריִען.

שפּענער

וואָס זעגסטו דאָרט, וואָס ווילסטו צעשפּליטערן?
וואָס מיינסטו וואָס, אַז נאָך וואָרעמער דײַן היים?
די צווײַגן זע, זייער צוויטיק ציטערן,
וואָרצלען בלוטיקן אין טיפעניש פון ליים.

וואָס שפּאַלטסטו דאָרט, וואָס ווילסטו צעשטיקערן?
הער די טראָטשינעס אין הפקר־ווינט־געוויין.
וואָס דער עיקר דען, אויב נישט פאַרעיקרן
דאָס מינדסטע צווײַגל אין בלי פון מלא־חן?

זע דאָס שפּענדעלע, ווי ס׳איז פאַרוואַלגערט קוים,
און דו טרעטסט עס אַזוי שווער מיט דײַנע פיס.
דאָס איז געווען אַ צווײַג פון אַ גרויסן בוים,
ס׳איז געווען אַ בוים מיט אַזעלכע עפּל זיס.

ס׳קאָן אַ יאָדערל דערפון נאָך ביטערן,
ס׳קאָן איין שפּענדעלע זיך צינדן אין געהיים.
וואָס זעגסטו דאָרט, וואָס ווילסטו צעשפּליטערן?
וואָס מיינסטו וואָס, אַז נאָך וואָרעמער דײַן היים?

אין געסל יהל״ל

א

א ו י ף מ ײַ ן ב ו י ג ן

דאָס טאָגיקע מיִען און דאָס אָוונטיק גליִען —
אַלץ אינעם ווייבוך, צווישן טאָוולען פון הײַזער.
אין דרינגען פון מענטשן, אין פייגלם קוים־פליִען,
דאָ, צווישן שערן פון זוניקע ווײַזערס.

איך גיי מיט די מענטשן, איך היפּער מיט פייגל
און איך בלעטער אין ווייבוך די בראָכיקע כּתבן.
כ׳בין איינער פון אײַך מיט לײדן געאייגנט,
וואָס ברומט אינעם ווייבוך אַרײַן זײַנע טראָפּן.

אַזוי טאָג, אַזוי נאַכט, ביז די זון וועט גאָלדפלאַמיק
אַלעמענס צערן צו נסים דערנסן,
וועל איך אָט אַזוי, איין־אַליין אויף מײַן גאַנעק,
אויספידלען, אויסוויינען די טרערן פון געסל.

ווײַל כ׳האָב אַלע פּײַנען פון ליפּן גענומען
און שאַרף זיי פאַרצויגן אַריבער מײַן בויגן.
פאַרגיט מיר בײַ נאַכט, ווען עס פּלאַצט מײַנס אַ סטרונע
און רויבט צו דעם שלאָף פון אײַערע אויגן.

ב

ש כ נ י ם

אַז ווי אַ טיר —
דער שווערער שלאָס און קוים-קוים-ריר
ביַים בעטן: עפן.
און אַז מען ענטפערט: יאָ —
וועל איך אויך אַ קאַלטע מאַסקע טרעפן.

אַז ווי אַ שויב און שוועל —
מיט קאַלטן בליק אַ שנעל:
גיי וויַיטער!
און דאָך — מיַין רחמים ברענט,
וויַיל איך האָב דערקענט,
אַז אין יעדנס האַרץ — אַ שיַיטער.

מיַין טראָט פאַרהאַלט זיך אויף יעדן טרעפּל,
אומעטום — די קריג פון לעפל-טעפל...
און עס פאַרנעמט מיַין אויער,
ווי כּלה-פרייד ווערט אָפּשייד און באַדויער.

און אַזוי גייען יאָרן,
מען מינטערט דעם זכּרון
מיט בלומען „נישט פאַרגעס מיך״...
נאָר איך, איך הער ג ע ו ו ע ן
און וויים ג ע ו ו אָ ר ן.

די בלומען „נישט פאַרגעס״ ציטערן אין שאָטן
פון אַ שאַרפן דאָרן.

ג

אין אַ מײַיקן טאָג

בײַ טאָג האָבן שוועלן מיט זונליכט געאָטעמט —
אַ מײַיקער טאָג, אַ מחיה.
מײַן שכנה, די זקנה, האָט קינדיש געשמייכלט,
ווי ווידערגעבוירן — אַ נײַע.
איר פּנים — געטוליעט צום מירטיקן פלויטל,
זיך מיידלש געשפּילט מיט אַ בלעטל.
אַ ווינט האָט באַגלעט די גערונצלטע הויטן
מיט מײַיק, מחיהדיק גלעטל.

נאָר ווי און ווער? —
ס׳האָט עמעצער פּלוצעם געשריגן:
מײַ, ביסט אַ ליגן!
ס׳האָט געשמאָלצן, ווי וואַקס,
זונס גאָלדענע אָקס
אין פײַער פון שקיעה-געטײַע.

און הויך, בײַ פאַרשאָטנטע רוימען,
האָט דער קאַלטער לבנהשער דומם
ווי אַ שערבל געבלייכט
נאָך דער לוויה.

ד

דאָקטוירים זאָגן

אָ, זײַט אונדז נישט מקנא.
מען האָט אונדז אװעקגעשטעלט
און מיר זענען באַשטאַנען
צו זײַן די װעכטער און די נעכטער
דאָ, אין די לאַנגע קאָרידאָרן,
װוּ עס גייען טעג און יאָרן
צו — —
איר װייסט אַװוּ.

ס'האָט אונדז די אייביקייט באַפוילן
און מיר — מיר מוזן הערן,
זיך פּלאָנטערן און קנוילן
אין לאַבירינטן פון געדערעם
און זײַן דעם טויטס שטאַפּעטן
מיט סמען און לאַנצעטן.

איר זעט נישט, װוּנדיקע פּאַציענטן,
אונדזער פּאַלמעס־בליק דעם דורכגעברענטן,
װען מיר מיט שערן שפּאַנען.

אָ, זײַט אונדז נישט מקנא,
ביי נאַכט, װען עס כאָרכלען די שפּיטעלער
און ס'װערט פאַר אונדז די גאַנצע ערד
איין קאַטאַקאָמבן־קעלער.

אונדז ווערט דאָן מיט אַלע חולים — שלעכטער.
וואָס טוען מיר, די פּאַלמעסער און שעכטער?
צו וואָס דער קאַרבאַל און דער עטער?
סײַ־ווי זינקט אַלץ אויף די שטאַפּלען
פון טערמאָמעטער.

דער זייגער קלאַפּט, עס יאָגט דער ווײַזער,
ווי אַ פינגער — אַן אָנווײַזער,
ער ווײַזט ווהין מיר אַלע שפּאַנען,
און דאָרטן שרײַט ווער בײַם געבוירן...

אָ, זײַט אונדז נישט מקנא,
אונדז די היילער און די קראַנקסטע,
אונדז, דאָקטוירים.

ה

אבלים

אזוי פיל פסוקים זענען גרייט
ווידער זאָגן הייליק באַנאַל,
אַז נאָך דעם, ווען די זון פאַרגייט,
בלײַבט פאַרהוילן אַ קלאָרער שטראַל.

נאָר מיר, אינעם טיפסטן געבויג,
פאַרקלעמט צווישן שאָטן און קנויט —
מיר זוכן דאָס גלאַנציקע אויג
אויף דער קאַלטער מאַסקע פון טויט.

דעם טרייסטערס אַ פינגער ווײַזט דאָרט,
אין אונדז שרײַט דער טונקעלער דאָ.
מיר זעען די שפּורן פון מאָרד
אין דער שקיעהס בראַנדיקער שעה.

אַז וואָס איז דאָס הייליקע וואָרט,
וואָס רופט צו גוטבענטשונג און יאָ?
מיר וויסן, פיר איילן דאָס אָרט,
און ווײנען, געווען און נישטאָ.

אַ שטערן אין שויב גיט אַ ווונק,
פאַרהאַלט זיך אַ ווײַל ביז ער פאַלט.
יעדער אבל, מיט אַש אויף דער צונג,
פאַרקריצט צווישן ציין זײַן געוואַלד.

ו

צווישן ליכט

נאָר טרערן קאָנען איצטער שוימען
און פאַלן וואָרעם, ווי חלב-טריף.
נישטאָ קיין לשון פאַר יתומים,
די טרער איז זייער היעראָגליף.

אויך ליכטלעך צאַנקען, דער שײַן ווערט מאַט,
און ווער מיט דיר, ווען דו בלײַבסט אַליין?
אויב אויך גאָט פאַר דיר איז איצט פאַרראַט —
בלײַבן איך און דו און דײַן געוויין.

און זאָלן טרערן וואָרעם שוימען
און זייען טרײַשאַפט אויף מיר און דיר.
די וועלט איז איצטער טויטיק דומם,
נאָר דער מאָרגנשטערן שטייט אין טיר.

ז

נאַכט אין געסל יהל״ל

אַ נאַכט אויף די מויערן קניט שוין
און שויבן צעבליט שוין,
יעדעס שויביק געזיכט
מיט שטופּלען פון ליכט
גיט אַ פיבער,
און די ווענט — נישט דערקענט,
אוים מיט מחיצות פון שטיבער.

די ליניעס פון טאָג פאַרשווינדן אַצינדער,
דאָס היימישע געסל ווערט ווײַטער, געהיימער און בלינדער,
נאָר דאָס ליכט אין די פענצטער — אַ סימן,
און די טונקעלע ווענט — זיי שווימען, זיי שווימען...

אַ שיף שווימט אַרײַן אין בײַנאַכטיקן ים
אויף די כוואַליקע הוידעס.
קאַיוטעס, קאַיוטעס — צעפינקלטע סודות,
און איך — איינער אַ פאָרער
אין וועלט אין דער גאָרער
מיט מײַן רענצל וווייגאָלד
אין דער גרויסער נסיעה.
טונקעלע זעגלען זיך ציִען.

אָ, פאָרערס! וואָס טוט איר אַליין אין קאַיוטעס?
שווימיק דער ים און דער שוים איצט ווי בלוט איז.
אָ, זאָגט מיר דעם ברעג פון דער גרויסער נסיעה.
פאַר וואָס טונקלען די זעגלען און קניִען?

אַ נאַכט אונטער שטאָטישע וווּנדיקע שטערן,
דאָס געסל יהל״ל ווי אַ שיף,
מיט שפּרונג און פאַל, הויך און טיף,
און איך — אין געהוידע פון שטראָמען און שטערן —
טו קלערן,
וועגן מענטשן בײַ מענטשן,
מענטשן צו מענטשן
און מענטש אינעם מענטשן.
זאָל איך בעטן, טרייסטן, בענטשן?

דאָס קליינע געסל איז שוין לאַנג אײַנגעשלאָפן,
נאָר פּאָר מיר זענען אָלעמענס אויגן נאָך אָפן.
איך זע דאָרט די גלאַנצן פון ווייטיק און האָפן,
די גליקלעכע אינדזלען, וווּ ס׳האָט נאָך נישט קיינער געטראָפן.

האַלב-נאַכט איז אַצינדער,
מיט אַ יאָמער פון קינדער
גיט אַ שפּרונג אַ קאַץ אויף מײַן גאַנעק,
און איך וויל בײַ איר פרעגן:
צי איז נאָך פאַראַניק דער אינדזל מיאַו-מיאַו
פון מײַן חלומדיק קינדעריש שטעגל.
און זע, זי אַנטלויפט גאָר
און ווײַזט מיר די נעגל.

ווערט דאָס געסל נאָך בלינדער,
די קערערס פון גאַסן פאַרטשעפען אַצינדער
בײַם קערן

אַ בינטל געפּאַלענע שטערן.
שטיי איך דערשראָקן, כ׳וויל בעטן
פאַרן גליק פון דעם געסל:
זאָל זײַן און ס׳זאָל ווערן.
נאָר עס וויינען צו מיר די געפּאַלענע שטערן:
מיר זענען אַ מאָל נאָר געווען.

געווען... געווען...
און עס טשאַפּעט אויף גאַסן דער בעזעם.

אַ גיטאַרע אין שטאָט

א

דאָ, אין פּענט ביַים טונקעלן ראַנד,
אין מיט פון זיגזאַגן־געלויף —
אויף אַ בעל־מומס הארטער האַנט
אַן אַלטע גיטאַרע שפּילט אויף.

ס׳איז ער, דאָרט און דאָ, אומעטום —
דער שאָטן פון נאַכט־קאַמעראַד,
מיט ליד פון פאַרבלוטיקטער זון,
מענטשם מוּם אויפן זוניקן סליאַד.

באַלאַדעס פון וועגן גאָר אַלט,
עם צימבלט זיי אוים אינוואַליד.
אין ליכט — אַ געשפּענסטיק געשטאַלט
מיט צייכנס פון שווערדיקן שניט.

אַיִין אָרעם — אויף קוליע געשפּאַרט,
אויף צווייטן — גיטאַרע זיך וויגט.
עס פּיבערט זיַין פּנים, וואָס שטאַרט,
מיט אייביק פאַרלוירענעם קריג...

ב

אַזוי איז דאָס פּנים פון בוים,
ווען דונער רײַסט וואָרצלען פון שטיין.
ווי ער האָט קיין מלך זײַן קרוין
באַזאַלביקט מיט בלוט און געוויין.

ווי ער האָט קיין נזיר זײַן קלייד
מיט צלמים צעשטאָכן ביז טיף.
זײַן אַלטע גיטאַרע דערציילט,
ווי עס גייט אין פײַער זײַן שיף.

באַשוימט מיט די טרערן אַרום,
און זי — אין דעם פלאַמיקן מיט, —
זי ברומט צו די הימלען איר ברום,
נאָר קיינער, נאָר קיינער הערט נישט.

אויך דאָ, אויף די גאַסן אַרום
איצט וויגן זיך טויזנטער טריט.
ס׳ווײנט איינער אַליין אויף זײַן מום,
די שאָטן-געשטאַלט אינוואַליד.

ג

פון אַלעמענס טרערן — איין טריף,
ביז אייביק, אין יעדערער שעה.
פאַר אַלע געטריפן — איין טיף,
דורך טײַכן צום ימיקן דנאָ.

אין אַלעמענס טרערן — איין מיין:
פאַר וואָס גייען יאָרן אַראָפּ?
ס'איז די קראָ פון שרעק און געוויין,
וואָס נעסטעט אויף יעדערנס קאָפּ.

בײַ מלך און פּרינץ און בײַ סתם,
בײַ אַלע געזונקענע טריט.
בײַ צווײַגל, בײַ קרוין און בײַ שטאַם,
בײַ ריזן און בײַם אינוואַליד.

והיה — ס'וועט זײַן אייביק לאַנג,
ס'ברענגט יעדן דער טאָג זײַן געוויין.
ס'טרינקט יעדער זײַן ווייִק געטראַנק
מיט אַלע צוזאַמען אַליין.

איין בעכער אויף טויזנטער הענט
טריפט ליידווײַן פאַר אַלעמען גלײַך,
אָט דאָ, בײַ די שטיינערנע ווענט,
וואָס בענקען צום גליקלעכן טײַך.

דערפֿאַר וועל איך הײַנטיקע נאַכט
נישט פֿרעגן אויף זײַן צי נישט זײַן,
נאָר זוכן מיט דיר און אַ סך
די טרויבן פֿון ביטערן ווײַן.

זאָג מיר דו, זאָג מיר דו, פּרינץ פֿון לייד,
וואָס איז ליכט און פֿײַער אין פֿלאַם?
באַשייד מיר דעם שווערן באַשייד,
וואָס ווערט מיט די טרערן אין ים?

נאָך אַלע יאַרידן

אזוי נאָך אַלע יאַרידן —
די מאַרקן פאַרלאָזטע און לער.
אַליין בלייַבט צאָרניק צו זידן
דעם בעטלערס פדיון — אַ טרער.

אזוי נאָך אַלע פאַראַדן —
געוועלק נאָכן שיכּורן בלי.
נאַכט מעקט די גאָלדענע סליאַדן,
דעם קאָפּ בייגט זי איַין צו די קני.

וואָס בלייַבט פון אַלע געררוישן,
ווען שקיעה נעמט צו דעם מיראַזש?
די לעצטע בייזע געלווישן
פון פייַער דערשטיקטן אין אַש.

צווישן אַרענעס

א

ביז ווען וועל איך קאָנען
פאַרדעקן די פלעקן פון פאָנען
און דולדן מיט מילדן
די שרײַיִקע שילדן
אויף לײדיקע קראָמען,
ביז ווען וועל איך קאָנען?

אַלץ שאַרפער זיך צינדן פאַרדראָסן,
ווי בינגיפטט אין בלוטן צעגאָסן;
אַלץ בייזער פון זען און דערקענען
די האָרן — ציקלאָפּן און קנעכט — מאַנעקענען,
די גאַנצענע סוויטע
פון צערטלעכע סנאָבן,
וואָס פירן מײַן חלום אויף אַ גאָלדענער מיטה —
באַגראָבן.

איך וועל ווען מײַן שוויַיגן צעווילדן,
מיט שטיינער צעברעכן די גאָלדענע שילדן.

ב

און ווידער האָב איך מוט צו זאָגן:
נישט געטרוי!
מיט פאַרשטעלטן מאָרד
שוימט דאָס וואָרט
פון דעמאַגאָגן.
אין זייער גלאַטן קלאַנג,
ווי אינעם גראָז אַ שלאַנג
זיך וויקלט,
און זייער בליק באַהאַלט
דעם כיטרען שיקל
פון לאָקערער אין וואַלד.

און זיי אָקעגן — וואַג איך זאָגן:
נישט געטרוי דאָס שאַלן פון ארענעס.
און אויב דײַן האַרץ איז שווער —
הייב אויף, ווי אַ שטיין, די טרער
פון דײַן אויסגעפּײַנטן אמת.

ג

אין זאַל איז שוין ליכטיק, עס ווימלען המונים,
און דו אויף אַרענע — דײַן בליק זיך צעשפּיזיקט.
זעסט אַלע אין בלענדליכט ווי שוויַיגיק פאַרגולמט
און זיך — ווי באַפּליגלט, באַקרויניקט און ריזיק.

שיקסט ווערטער געשליפן, אַ ריטמישער רעגן,
אַט קלינגסטו מיט זילבער, אַט שאָרכסטו מיט סאַמעט.
און באַלד ווי אַ צירקמאַן די לייבן אַקעגן,
ביז ווידער — אַ לעמל, וואָס לאַשטשעט און תּמעט.

און אַט בלײַבסטו שטיל, אַזאַ ספינקסיש געהיימער,
אויף אַרענישער הייך — אַ דערהויבענער, ווײַטער.
דאַן קלימפּערט דער בראַוואָ, ווי שלײַדער פון שטיינער,
און איך פיל אין אָטעמס דעם רויך פון אַ שײַטער.

איצט, בײַם ענד, הער דעם קלאַנג פון אייגענע ווערטער,
ווי זיי פאַלן אַראָפּ פון ווענט און סופיטן.
דאָרט זיצט ווו אין ווינקל אַ מאַן אַ פאַרטרערטער
און חלומט פון ברויט, וואָס ער האָט נישט געשניטן.

דײַן וואָרט לויפֿט צו אים מיט די מעשענע שאָלן,
מיטן הילכיקן רים פֿון שטאָלצע קלאַרנעטן.
ער בלײַבט אין זײַן ווינקל, געבויגן, געפֿאַלן,
און זוכט דאָס טייגענע וואָרט, ס'זאָל אים באַזעטן...

זע אים אין זײַן ציטער — אַ בליציקע כמאַרע,
אָט גייט זי און שפּרייט און פֿאַרדעקט די אָרענע.
אַ פֿלאַם גייט אַדורך דער המונישער וואַרע —
דײַנע ווערטער פֿאַרשטומען, דײַנע לאַרבערס פֿאַרברענען.

אין שאָטן פון מילגרוים

שטיל איז אין שאָטן פון מילגרוים,
דאָ זײַעט זיך וועלט דורך די בלעטער,
וואָס שטרעקן בראַנדיקע צינגער
צום בלאָען געריזל פון עטער.

קיל איז אין שאָטן פון מילגרוים,
נאָר פאַרבן דאָ ברענען באַהאַלטן.
זײַן אומוועג מעסט דאָ אַ פּילגער
מיט טראַכטעניש שאַרפע און קאַלטע.

פאַרשטאַנדיק וועגט ער די יאָרן
מיט שווערע, גענויע געוויכטער:
וואָס איז געוועזן און געוואָרן?
ווי האָבן חלומות גענִיכטערט!

קיל איז אין שאָטן פון מילגרוים,
נאָר איינער דאָרט פלאַקערט אין שאָטן.
ער זוכט אויף זײַנע צען פינגער
צען אמתע, נײַע געבאָטן.

עס שרײַען יאָרן פֿאַרלוירן,
מיט פֿליגל אין ווונדן פֿאַרקלעמטע:
נעם צו די שאָטנס פֿון מורא,
נעם צו אַלע שטײַגיקע פֿענטן!

זיי ווילן פֿרײַער און גרינגער,
זיי מאָנען מיט פֿײַער און אָטעם.
קיל איז אין שאָטן פֿון מילגרוים,
נאָר איינער דאָרט פֿלאַקערט אין שאָטן.

איך פרעג

א

כ׳בין מיד פון הארבן ערנסט,
דעם ראַסט און פראַסט אויף מענטשן־פּנים.
גאַר אַנדערש האָט געשטערנט
מײַן דור, באַגין, מיט זײַנע פאָנען.

צי שוין נישט אומצוקערן,
וואָס מײַן דור אין וועג האָט פאַרלוירן?
איך פרעג בײַ יעדן שטערן:
צי וועט מײַן דור נישט אַנדערש דורן?

ב

ווי אײַליק די זון נעמט איר גאָלד
און לאָזט נאָר אַשיקע סליאַדן.
— די הימנען, וואָס איך האָב געוואָלט
זע, ווי זיי ווערן באַלאַדן.

— די ליכטער, וואָס איך האָב באַגערט
זע, ווי זיי פאַלן פון שויבן.
ווּוהין גייסטו, טונקעלע ערד,
אָן זון, אָן שטערן, אָן גלויבן?

ג

ווּ וואַגלסטו, גלויבן, אַצינדער?
אין וועלכער אַנטרינונג ביסטו?
ס'זוכן דיך אַלטע און קינדער
אין זייער פאַרלוירענער רו.

ס'פאַרשן די שטעגן ביַי וועגן
און ס'פרעגן די דערפער ביַים פּרך:
ווער האָט דעם גלויבן באַגעגנט?
קיינער! — ענטפערט די נאַכט.

ד

ווּ די אַלע? ווּ די פילע?
סאַרא שטאָליק הארטע בליקן!
ווּ די שבועה און די תּפילה?
ווער נאָך זמרט און זאָגט תּיקון?

יעדער אַלע האָט פאַרלוירן,
ווי זשע זיך אַליין געהערן?
איך פרעג ביַי דיר, ערד, מיט מורא:
ווּ גייסטו, טונקעלער שטערן?

ה

ווּ וואָגלסטו, גלויבן, אַצינדער
און ווער וועט דיך טרעפן אין וועג?
אַ דור, אַ מידער און בלינדער,
זוכט דיך, זײַן פאַרלוירן פאַרמעג.

כ'וויל פאַר דיר זאָגן אַ תּפילה,
נאָר צו וועמען? קום און אַנטפּלעק.
איך בין נאָר איינער פון פילע
מיט הענט איבער אָפּגרונט געשטרעקט.

דער שבת זינגער

נאַכטיק שווײַגט דער שבת זינגער
אינעם עלנטיק אַליינען.
האַרבסט טריפט סמיק אויף די צינגער —
נישט צו זינגען, נישט צו וויינען.
ניין, נישטאָ שוין יענע שפּינער
פון לידם דינסטן, בלויסטן פּאַדעם,
נאָר די האַרטע פּויקן קלאַפּן,
בײַ די קנעכלעך פון סאַטראַפּן —
אַ קאַפּעליע פון עבדים.

נאָר אַ תּם וועט זיך דערוועגן
אונדז צו טרייסטן מיט באַדויער.
נישט די שעה פאַר אונדזערטוועגן,
צו פאַר אונדז — איז יעדער טויער.
מיר, פאַרגעסענע, דאָס זוייסן
נאָכן רים פון אַלע בונדן.
ווען מיט זיך און אַלץ צעריסן —
בלײַבט נאָר איינס, דער מוט פון ווייסן:
שטאָלצער הירש זײַן אין די וווּנדן!

כ׳האָב געלערנט

כ׳האָב געלערנט פון יוסף חיים ברענער,
אַז שענער פון שענער
איז דאָרט, ווו האַרץ מיט בלוטן ראַנגלט,
און דער, וואָס נאָר מיט קלאַנגען קלאַנגלט
און מאָלט ווערטס פייער־פּאַנאָראַמע
— ווי אַ פּאַפּירענע רעקלאַמע
דער איז הוילער לעסטער
און מינער פון אַ געצנדינער.

פון האַרץ אין סאַמע מיטן,
ווונדיק אויפגעשניטן,
זאָל זיין דיין תּפילה אויסגעשריגן.

און ווער עס ציילט בשלווה
— די פעדעם פון זיין טלית
איז ליגן שבליגן.

געבאָט

און אויב אַפּילו טונקלען וועלן דײַנע טעג,
און שטרויכלען וועט דײַן טראָט —
גיי דײַן הארבן וועג
און טו דעם דאָרניקן געבאָט:
מעסט שיינס מיט ריינס,
נוץ — מיט גוטס,
און יעדע פרייד — טו גיך
אויף וואָגשאָלן פון טרויער,
און בלײַב, אַט ווי דו ביסט, קאַפּויער,
אויך ווען אַלע שרײַען: דולער.

און ווען דער שטורעם קלאַפּט אין גאָרטן —
זע די ווונד אין עפּל,
ווען ער שימערט נאָך מיט גאָלד
אַ גאַנצער און אַ פולער.

דער אורח נישט־רו

נאָך פּײַפּלט אויף פעלדער: פּיו־פּיו,
נאָך בלימלט זיך בלאָ נישט פאַרגעס,
נאָר דער ווינט, דער אורח נישט־רו —
ער ברומט באַסיק שווער: שוין צו לעצט.
אַריבער די זאַנגען זײַן שפּרײַז,
אין שפּרונג צו דעם ווײַטן נישט־הי,
פון טײַגעס, אין גליווער פון אײַז,
צו די דיונעס גיהינומשן גלי.
ער ציט מיט זיך פעלדער צום שליאַך
און שליאַך — צום געצונדענעם ראַנד,
צום געהיימען פחד פאַר נאַכט
אין ווירבלען פון שניי און פון זאַמד.

באַלד טוט אַפּ די גראַזיקע ערד
דעם שלייער פון גאָלד און פון גרין,
כאָטש ס׳ווערט נאָך מיט תענוג געהערט
דער פלאַטער און זשום פון אַ בין.
אָט קומט ער, דער בייזער נישט־רו,
און ברענגט די דערשראָקענע שעה.
די טויערן מאַכן זיך צו,
נאָר פאַר אים קיין מחיצה נישטאָ.
ער טרייסלט דעם האָפּטיקסטן שטאַם
און מעקט אָפּ די שלווה פון פעלד
מיט שוימען פון זאַטיקן ים,
מיט שוועבל פון סדומיקער וועלט.

ספינקסן

ס׳איז נאַכט פון לויער און פאַרדאַכט,
אויף רעשטלעך פון חלומות טשאַטעוועט דער ניכטער.
די ערד ווערט אָרעמער,
יתומים — אירע דיכטער.
אַרום דער בלאַסער לונאַ פײַערן אין שוועב
די מולך־ספינקסן.
צעריסן דער קאַראַהאַד
און שטערן שיקלען:
ווו רעכטן און ווו לינקסן?

שטאַל אין חלל, עם ציינערן זיגזאַגן.
לונאַ וויינט צווישן ציינער.
איר באַפרײַען — ווער וועט וואַגן?
קיינער, קיינער!

אויך דו אין פעלד, דו איינער,
לונאַס לעצטער טרײַער ריטער —
זעסט אויף הימלען מולך־ציינער
און דײַן מילך און האָניק ווערן ביטער.

וואָס מעגן טשערעדעס אַצינדער?
וואָס זאָל די תּמע רינד איצט וויסן?
ס׳איז די שעה פון אונטערצינדער,
וועלטס קאַראַהאַד — צעריסן.

סטײַעס פֿייגל

סטײַעס פֿייגל אויפֿן דאַך — אַ צוויטשיקע קאַפּעליע
און אַ מאָזאַיִק פֿון אויסטערלישע פֿאַרבן.
זיי פּיקן דורך דער סטעליע
מײַן פֿיבערדיקן שאַרבן:
הער און ווייס,
דער שענסטער פֿויגל
אין העכסטע בלאָען
פֿליט — צו שטאַרבן.

ברידער — זאָג איך — פֿאַר וואָס אַזוי?
ברידער — פֿרעג איך — מיט וואָס אים רעטן?
זיפֿצן סטײַעס אַ שווערן אוי, —
ווי זיי, די גילגולים פֿון פּאָעטן!

לידער שטאַרבן
אין פֿעדערפֿאַל פֿון פֿאַרבן.
אויך פֿון אוי בלײַבט נאָר אַן עכאָ.
איך זע אין פֿענצטער אַ פֿעדערל מיט הויט.

און הויך, אַריבער אַלע דעכער,
שווײַגן הימלען נאָכן שענסטן פֿויגלס טויט.

דו, עולה־רגל

זיי וועלן אַ באַנדל דערבויען
פון סודיקע פינטלען — אַטאָמען,
פאַר אַ דור אַ טומטומדיק גראָען,
פאַר אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין נאָמען.

צו אַ טאָג, וואָס האָט נישט קיין יאָרן,
צו שעהן אָן געטלעכער רגע.
דו וועסט אויף דעם באַנדל נישט פאָרן,
דו אין אייביק־גאַנג — עולה־רגל.

געדענק

דער האָריזאָנט — ווי בליציק און צעפּעכערט!
ווי קאָרטשען זיך די בערג,
ווען פֿליגל שטאָלענע — נאָך העכער!
וואָס בעטן שטיבער
אויף די וואָלקנדיקע טאָלן?
היט די ליבע,
זאָלסט די הערצער נישט פֿאַרשטאָלן.

נאָך הילט די ערד מיט וואַרעמקייט די זאָמען,
קינדער שפּילן מיט רעגנדיקע שטראָמען,
און אַלץ זאָגט תּפֿילה:
מענטש, ביַי די אָטאָמען,
געדענק דײַן נאָמען.

צו שטיל אויף די גאָלדענע ווענן

א

צו שטיל אויף די גאָלדענע ווענן,
דיביימער — פאַרטאָן אין געבלי.
צי הערט ווער דעם האָגל און רעגן
אין טוי־שאָרך פון בענטשיקן פרי?

צו שטיל אויף די גאָלדענע ווענן,
און ס'איז מיר פאַרדעכטיק דאָס ליכט.
ביי ווענענען פאַרשן און פרעגן
אויף שאָטן, וואָס קומט אומגעריכט?

ער קומט פון די ראַנדן אַקעגן —
אַ פויגל מיט פליגל אין גלי.
צו שטיל אויף די גאָלדענע ווענן —
דער אומרו שוין קלאַפּט אויף די קני.

ב

ווען ווינטל אויף זאַנגען נאָך בערשטלט,
אין שפּיל מיט אַ קעפּעלע מאָן,
זענען פּיצלעך קינדער די ערשטע
צו פילן, ווי שטורעם קומט אָן.

אין טויִקע אייגלעך — אַ ציטער,
ווי ווינט מיט געשווימען — אַ לויף.
ווי פויגל — אין שפּרונג פון געוויטער,
ווען ים צו די הימלען גייט אויף.

זיי לויפן דערשראָקן צו היימען:
אָ, מאַמעניו, האָב אונדז מער האָלט!
עס ווייסן שוין דעמאָלט די קליינע,
אַז וועגן פאַרלירן דאָס גאָלד.

ג

אַ פֿויגל שוין קלאַפּט אויפֿן דעכל
מיט שנאָבל — זײַן קעלניע און לאָם.
אויף וואָלקנס, פֿון איבער אים העכער,
שוין מישן די בליצן דעם שטראָם.

די שוואַרצע שטאַפּעטן שוין אײַלן
מיט בלינדע מגילות צעראָלט.
די וויאָרסטן שוין פֿרעגן בײַ מײַלן:
ווו נעמט איר אַוועק אונדזער גאָלד?

אַ בליץ, ווי אַ פֿינגער געהויבן,
ווײַזט אָן אויף דעם בלײַענעם שטראָם:
יעדנס גאָלד און רו וועט ער רויבן —
דער שׂטן פֿון שוואַרצן אַטאָם.

ד

צו שטיל אויף די גאָלדענע וועגן,
דער פויגל איז קליגער פאַר דיר.
יעדן שטורעם — פריִער אַ רגע
שוין פילט ער אין פליגלשן ריר.

איז פרווּוט ער כאָטש בויען אַ נעסטל
מיט שנאָבל — זײַן קעלניע און לאָם.
נאָר דו — קענגן מבול דער לעצטער —
דו חלומסט פון גאָלד אַ פּאַראָם.

ווּ דײַן תּיבה? ס׳דאַכט דיר אַ רעגן,
זעסט דעם רעגן־בויגן אויף דיר.
צו שטיל אויף די גאָלדענע וועגן,
דער פויגל איז קליגער פאַר דיר.

ליליפוטן

ליליפוטן

א

אויף די מאַרקן בײַ אָרענעס,
ווו מען האַנדלט טויטן אמת,
שטייט אין זײַט אַ חלושל, וואָס ציטערט,
ווי אַ ריטל אין געוויטער.

ער איז איינער פֿון די וואַלדיקע,
די קליינע און געוואַלדיקע,
אַ ליליפוט — אַ ריטער.
וואַלדס מאַכיקייט — זײַן נידעריקייט,
וועלטס בראַכיקייט — זײַן ציטער.

און דו, אויב ווילסט קענען אים —
קום אין וואַלדעניש און זע און שטוין,
ווי פֿונעם חלל אין אַן אַלטן בוים
גייען קליינטשיקע לבנהלעך אַרויס
און זיי לײַכטן אַזוי גרויס
מיט זילבער-חכמה פֿון אַ שטאָם גאָר אַלט,
וואָס לעבט אין טיפֿע ערגעצן פֿון וואַלד.

אָט זענען זיי, די קליינע פֿירשטעלעך די אָרעמע,
גאָלדענע און דינינקע, ווי זאַנגעלעך די קאָרענע,
זיי באַהאַלטן זיך פֿאַר אונדז, די שלעכטע, עין-הרענע,
זיי, די אַלטיטשקע, קליינע, גרויס געוואָרענע.

אָט גייען זיי, לאָמיק, שלעפּיק, און דאָך ווי גרינג,
אָט צעצווייַגיקט זיך אַ ריי, אָט פֿאַרגאַרטלט זיך אַ רינג.
שווייַג און זע, שטוין און הער זיך איַין,
אוּן נאָך אַ טראָט — אין געזעמל קום אַרייַן.

ס'זענען אַלע מאַרקן שוין פֿאַרלאָזט און פֿרעמד,
איצט קום צו אונדז און שטרעק די הענט:
אַז ווויל און גוט
צו זייַן אין דור פֿון שפּיזן
און פֿרעכע ריזן
אַ צאַרטער ליליפּוט!

ב

הער אין וואַלד דאָס שוועבערײַ און פאַלן,
מיט גאַל דאָ לאַכן די נאַכטיגאַלן,
דאָ זוכט וועלט פאַרלוירענע מינוטן.
דאָ שטײַגן שטאַמען פון די תהומען,
דאָ פּאַטשן וואָרצלען אויף הייסע שטראָמען,
דאָ רעדן צאָרניק די ליליפּוטן.

דאָס זענען מיר, פאַרלוירענע אין בראָך,
די פאַרהוילענע צווישן בלאַט און מאָך
מיט אַ וועלט באַלאָדן אויף די האָרבן.
מיר, מיר ווינען דאָ אַרומגעגאַרטלט
מיט די לעצטע זײַדקייטן די צאַרטע
פון אַ לעגענדע, וואָס איז געשטאָרבן.

מיר היטן זי. איעדער פון אונדז אַלע
מיט איר קרויניקייט ווערט איצט נתעלה,
ווײַט פון אײַער וואָר, די פײַניק ווילדע.
ס'איז אײַך באַשערט אין געזונק פון זינדער —
אַלץ מער אַראָפּ, אַראָפּ, ווערן מינדער.
אײַערע גאונים ווערן מילבן.

ג

ס'רירט דער וואַלד,
דאָס קלענסטע פּיצל איז אַרוים פון היילן.
ס'האָט יעדער בוים אַ שפּאַלט
און קאָן אויף צוויייען זיך צעטיילן.
דאָס קלענסטע פּיצל איז גרויס
און יעדעס מיצל האָט וואָס צו דערציילן.

אָט דאָס בלאַנקע, אַ קוימיק פלאַטערל,
לויבט די וועלט מיט פולן מויל:
ס'איז געזוען אַ מאָל, ס'וועט נאָך זיין אַ מאָל
גוט און ווויל.

און אָט דאָס ראָזיקע, ווי אַ זיסע ראָזשינקע
אויף אַ ווייַנשטאָק, שפּעטלעך, ווען זומער סופט.
אין אים גוטסקייט, אַזאַ העזהקע,
ווען הארבסט שוין ציט די וועלט צום שלאָף.

און צווישן זיי — דער זילבערנער,
דאָס גרעסטע מלכל פון קלענסטן שטאָם:
אַז וויל מיר מיט מיין פאָלקעניו,
מיט יעדן פּיצעלע בייזאָם.

פאַטשן הענטלעך, טופען פיסלעך,
יעדער מורמלט אוים צוביסלעך
פון אַלטע צייַטן, ווו אַ לאַנד.
און עס טיילט דער מלך שטערן-ניסלעך
מיט אַ לבנהש ווייַסע האַנט.

ד

וויגט דער וואַלד זיך, טאַנצן אַלע —
בלאַט און גרעזל,
שוואַלב און העזל,
ווערוריק, ליליפּוט.
טאַנצן אַלע, וויגט דער וואַלד זיך
ביז דער טאָג פאַרלירט זײַן לעצט־מינוט.

דעמאָלט קומט דאָס רויטע מיצל
מיט אַלדאָס בייז פון מענטשנלאַנד.
ווי אַ פאַנגשטריק פון אַ היצל —
דער לעצטער שטראַלפּאַס אויפן ראַנד.

וויינט רויט־מיצל: ווײ, אַנטלאָפן
בין איך קוים צו אײַך אין וואַלד.
שרײַעןביימער, שפּאַלטיק אָפן:
אָ, גיכער אַלע זיך באַהאַלט!

דעמאָלט זעט דער זילבער־מלך
אין זײַן זילבער פאַרב פון בלוט.
דעמאָלט זאָגט ער: גיך באַפעל איך,
און זײַן שאָטן ווי אַ רוט.

דעמאָלט אַלע ליכטער זינקען,
ס'שרעקט דעם הימלס בייז געבלאַנק.
וויגט דער וואַלד זיך, ברומען אַלע,
און אויף די ראַנדן שטערן פינקלען
ווי די רינגען פון אַ שלאַנג.

ה

דו גוט קינדעלע,
גיי ברענג אַ קינעלע.
דו אין פּעלצעלע,
גרייט אָן אַ העלצעלע
און אַ פֿײַער צינדט ביי נאַכט
ווען עס וואַיעט וועלפיכע
און סאָווע לאַכט.

וואָס ציטערסטו, דו בלוילעכל?
וואָס קניסטו דאָרטן, הולכל?
צינד אַ פֿײַער מיר,
זײַ מחיה מיר,
זינג, דערצייל.

אַזוי בעט שטיל פּאַמעלעכל,
דאָס קליינע גוטע מלכל:
זאָל ווערן וואַרעם אין דער הייל!

לויפן גיך די קינעלעך,
צינדט מען גיך די העלצעלעך,
און יעדער — וואָס ער קען.

הייבן זיך די פלאַקערן,
שפּרייט מען אוים די פּעלצעלעך,
און טיף אײַנגעהערט
שײַנען שטערן אין די בערד
מיט בלאָען ברען.

ו

כ׳בין אויסגעוועזן — זאָגט דאָס שפּרינגערל — אַ וועלט,
און צוגעזען — אומעטום אַ קעלט,
מענטשם האַרץ איז שטום ווי שטיין,
מיליאָנען דאָרט, און יעדער איז אַליין.

אַ ראָד האָב איך געזען — אַזאַ מין גריים,
וואָס דרייט די ערד אַראָפּ, אַראָפּ.
אַ טראָן האָב איך געזען — אַ קרוין, אַ קרייץ,
און דאָרטן טראָניקט אַ ציקלאָפּ.

בלוט איז דאָרט געווייגלעך גאָר,
מען שרײַבט מיט דעם ווי טינט,
און יעדער מלאך אויף דער וואָר —
אַ תּלין איז און שינדט.

ברידער — זאָגט דאָס שפּרינגערל — צינדט נאָך אַ פײַער אָן!
העלצעלעך און קינעלעך — בלײַען זאָלן ווי מאָן.
מיר, קינדערלעך פון וואַלד, פון אַלע אויסגעלאַכט —
לאָמיר זיך דערוואַרעמען אין האַלבער נאַכט!

איך קום — זאָגט דאָס שפּרינגערל — פון גרויסער וועלט צוריק.
איך ברום — זאָגט דאָס זינגערל — ווײַל אין ניגון איז מײַן גליק.
איך פלאַנץ — זאָגט דאָס פלאַנצערל — ווײַל אין בוים בין איך אַ ריז.
איך טאַנץ — זאָגט דאָס טאַנצערל — מיט הימל אויף די פיס.

ברידער — זאָגט דאָס זאָגערל — ווייל, מיר זענען קליין.
ברידער — לאַכט דאָס קלאַגערל — שיין איז דאָס געוויין.
ברידער — הילכט דער גאַנצער וואַלד און דאָס פֿייַער ברוויזט,
ביז — און שטערן פֿאַלן פֿון די בערד אַרויס...

און ווײ־און־ווינד, נאַכט און ווינט,
פֿייַער ציטערט אין די היילן,
דלאָניעס פּאַטשן אין דער קעלט.
און אַ גאַנצע נאַכט טוט מען דערציילן
די רישעות פֿון דער וועלט.

ז

אַזוי געשעט מיט אַ וועלט אַ פֿאַרקערטער.
יאָ, אייַערע גאונים ווערן מילבן.
די פּאָעטן, די מייַסטערער פֿון ווערטער —
זיי ווייַנען אויפֿן ברוכוואַרג פֿון די זילבן.

מיר הערן דאָס געוויין פֿון העלן א ל ף.
אומזיסט! די ת י ו ׳ ן טונקלען שוין מיט ענדע.
די פֿעדער איז אַליין געוואָרן חלף
אין שאַרפֿער ניכטערקייט פֿון אָן־לעגענדע.

איר, איר שטייט פֿאַרלוירן, נאָר מיר דאָס ווייסן:
אָן לעגענדעס שטאַרבן די אלף־ביתן.

ח

זע אים,
אַ טינטלערל, אַ הויפּנאַר.
ס'איז לײַכט אים צו דערקענען
לויט זײַן קניקסנדיקער פּענע.

ער, בצלם אלהים,
האָט פֿאַרקויפֿט זײַן אָטעם און זײַן שטים.
צו שאַנד
די פּאָר מינצן אויף זײַן האַנט!

אויב ער וועט אין וואַלד ווען קומען —
וועלן ברומען מיר, די ליליפּוטן:
ווײ, אַן אייביקייט —
פֿאַר גראָשיקע מינוטן.

מיר וועלן אים טרײַבן מיט די מיצן:
גיי דאָרט אויף דײַן פּוסבענקל צו זיצן
און בײַ קני פֿון געלטנדיקע הארן
די מטבעות שאַרן.

אַוועק! אַוועק!
מיר וועלן שלאָגן מיט די גאַרטלען,
וואָס טויג דײַן צערטלען און דײַן האַרפֿלען?
גענוג דאָס מרוקען פֿון פֿאַלשע פּסוקים,
דײַן זמר וועט נישט רירן,

דײַן בעטן װעט נישט אַרן.
װײַל מיר, ליליפּוטן,
מיר היטן נאָך די מוטן
פֿון פֿרײַען און פֿון גוטן,
און נישט די קניקסן
און דאָס נאַרן.

ט

אזוי געשעט אַ וועלט אָן שירה,
די קוואַלן אונטער בערג פֿאַרפֿרירן,
אין אַלע טאָלן צאַנקען ליכטער,
און דו — ווּ זוכסטו ליבע, דיכטער?

דו מיינסט: דורך חלום, — וויל נאָר, גאָר נאָר
און פֿאַנגסט גן־עדנס צאַרטע לוסטן.
זע, אַלע הערצער — קאַלטער מאַרמאָר
אין האַרטן פּענט פֿון גרויסשטאָטס פּוסטן.

ס'איז יעדער חלום דאָרט פֿאַרקאָוועט.
וועלטס האַרץ דאָרט וויינט, אַ שלאַנג זיך כאָוועט
אויף דעם מאַרמאָר פֿון אירע ברוסטן.

זע זי,
מיט די שלאַנגענדיקע לענדן
און וויגנדיקע קני —
די אויסגעצירטע פּאַווע.
איז דאָס דײַן טאָכטער, מאַמע חוה?
איז דאָס דײַן שוועסטער, הבל, טויטער ברודער?
זע זי,
די וווּנדערין די האָליוווּדער.
עס פאַלן צו אירע פיס
דער עושר און דער ריז,
אירע חופּות — די עקראַנען,
און אַלע וועגן צו איר שפּאַנען,
אַרום איר פײַער גייען קאַראַהאָדן.

ווּ ביסטו, פרומע, תּמע, אַצינד פאַראַנען —
הינטער וועלכע טיר און לאָדן?

אומעטום שוין די נעאָנען
איבער טונקעלע אַספאַלטן.
מיר אַליין דאָ נאָך דערמאָנען
פרומע ליכטעלעך גאָר אַלטע.

קיין מאָל וועט נישט מינער ווערן
באָבעס טיכעלע מיט שטערן.

נאָר אין וואַלד דאָ הויך געהויבן
וואָרקען נאָך די אַלטע טויבן,
דאָ נאָך ברומען פרומע נעסטער.

אַ לבנה ווי בת-טובים,
און אַלע וואַלדלײַט זינגען:
דו ביסט אונדזער מלכּה,
דו ביסט אונדזער שוועסטער.

יא

אַזוי געשעט און ס'וועט געשען נאָך מערער,
אַ גאַנצע וועלט ווערט טויטלעך אײַנגעשלאָפן.
נישטאָ קיין זעער און נישטאָ קיין הערער,
וווּ ביסטו, מענטש, פון זיך אַנטלאָפן?

אַ ווילדער פויגל איבער אָקעאַנען, —
וואָס זוכט ער? וועלכן שטערן וויל ער פאַנגען?
מענטש, ביסט נאָך בײַ זיך אַליין נישט פאַראַנען,
צו זיך אַליין נאָך נישט דערגאַנגען.

היט זיך פאַר דעם פויגל אין די רוימען!
באַלד נעמט ער דײַן נשמה און בלײַבסט אַ דומם.

יב

זע אים,
דעם שטאַפּיקן מכשף אויף הויכע זײַלן,
ווי ער מעסט און מת׳ט די גרינע מײַלן.
אויף איין אָרעם וועגט ער פּולווער,
אַ טויטנס שאַרבן גלאָצט פון צווייטן.
וואָס, מכשף, וואָס טוט ער גרייטן?

באַלד וועלן לענדער די גרענעצן פאַרגעסן
און צײַטן — די מעת-לעתן.
ס׳איז נישט צום גוטן,
היט אים, ליליפּוטן.

ברידערלעך אין וואַלד,
אָט באַלד, אָט באַלד
הייבט אָן די וועלט צו מבלען און צו מפּלען,
בליצן לויפן אין די אַפּלען.

שוין ציטערט אַלץ,
פון מאָט אין וואַלד
ביז אין ים דער רויג.

אַ פויגל —
ווען ער קאָן אַרויספּליִען אַצינד
און אויספּיקן דעם מכשפס אויג!

די קליינע אין וואַלד ברומען דול,
מיט שׂינאה פול:
וואָס טוט ער דער מכשף דאָרטן?

איבערן וואַלד ציגײַנערט איצט אַ כמאַרע
און וואַרפט אין שטורעם בליצנדיקע קאָרטן.

יג

אין טיפן וואַלד גייט נאָך דער טאַנץ,
די האָפּעניש מיט וואָרצלען און מיט קרוינען.
ס'איז נאָך דאָ אַן אינדזל וווּ די וועלט איז גאַנץ —
מיט פייגל און מיט בינען, מיט לידער און מיט טרוימען.

נאָר האָזן האָבן שוין פאַרשפּיצט די אויערן,
פון וויַיטער קנאַלעניש דערשראָקן,
און פאַר דעם הימלס טויערן
פאַלט דער געפאַלנסטער — אַ מאַכעדיקער זקן.

מיט גרויסע טרערן וויינט ער אויפן נעכטן:
פאַר וואָס גייט די וועלט צום שלעכטן?

אַז ווי צו זייַנע ברידער, די בלאָע מיצלער,
דער וואַלד איז אַנגעיאָגט מיט יעגער, היצלער,
און אַלע בלעטער ווערן רויט,
וויַיל אויך ביימער האָבן פלייש און הויט
און ווי די מענטשן טויט זיי ווי.

וואָס בוים? וואָס מענטש?
וואָס גרויס און קליין?
די ליליפּוטן וויינען אַלעמענס געוויין.
ווי, ווי!
מיט גרויסע טרערן וויינען זיי.

די געוויגן פון ים

דער ים ליגט פאַרגליווערט

דער ים — אַט ליגט ער פאַרגליווערט
אין פענטן פון קאַלטער הכנעה.
טויט איז דער שטראָמיקער גיבור,
אַט ליגט ער אַן אַשיקער, גראָער.

אַ כוואַליע אַן איינציקע — וווּ?
אַ זונשטראַל אין שוימען צעשפּיזלט?
ווי קליידט אים, דעם ים, אַזאַ רו
פון שטאַריק פאַרמאַכיקטן קיזל?

מיך שרעקט איצט די רו, כ'האָב מורא,
אַז איצט ווען דער ים אין הכנעה —
קאָן ווערן אויף אייביק געפרוירן
די ערד, אַלע שטערן און שעהן.

סיידן — עס וועלן בונטאַרן,
מיט מוטן פון אייזיקע ברעכער —
אַ שנייד טאָן דעם ים דעם שטאַרן,
צו אויפשוימען העכער און העכער.

אין נאָמען פון אַלע טרערן,
וואָס ווילן ביז הימלען דערשטראָמען;
אין נאָמען פון אַלע שטערן,
וואָס זינקען אַראָפּ צו תהומען —

ווידער די זעגלען געצויגן
אין שוועב צו די רוימען מיט טרוימען.
און זאָלן טרעריקע אויגן
מיט דײַן בלאָ און גאָלד זיך באַזוימען;

אויפשטיין, נישט זײַן אונטערטעניק,
ווײַל שיין ביסטו, ים, אין דײַן וויגן.
ים, אין דײַן גאָלד ביסטו קעניג,
אין דײַן בלאָ — פון וועלטן דער ניגון.

שוואַנען אין שטורעם

װען ס'האָבן די שוואַנען געציטערט אין שטורעם,
האָב איך זיי געמונטערט, —
הויך האַלט די העלדזער, יעדער האַלדז ווי אַ טורעם,
און זינקט נישט אַרונטער.

ס'האָט שוין דער שטורעם מיט אַ מוטנער געמיינקייט
געבויטעט די כוואַליעס,
נאָר איך, אַ פֿאַרגאַפּטער פֿון שטאָלץ און פֿון שיינקייט,
געזען האָב התגלות.

ווי ס'וואָלטן מלאכים געוויגט אין דעם מבול
אַ זילבערנע תּיבה,
אַזוי האָבן שוואַנען מיט ציטער געדאַוונט
אין שוימיקן הייוון.

אין ווירקע כוואַליעס מיט טוקן פֿון פֿליגל
אַ שלווה צעמיניעט.
און איך פֿונעם ברעג בין אַרײַן מיט מײַן ניגון
אין שוואַניקן מנין.

אַקעגן דעם שטורעם אין לויטערער ריינקייט,
בײַנאַנד מיט די שוואַנען —
געטוקט און געזונגען אַ לויב צו דער שיינקייט,
וואָס איז נאָך פֿאַראַנען.

אין מיט פון צעשוימטע און מוטנע ווירוואַרן
האָט רו מיך געפאַנגען.
כ'האָב די שוואַנען געזען ווי צאַרטע בונטאַרן —
צו תליות געגאַנגען.

די העלדזער — געשטרעקטע אַנטקעגן דעם שטורעם,
די שנאָבלען — ווי צונטער.
הויך האַלט די העלדזער, יעדער האַלדז ווי אַ טורעם! —
האָב איך זיי געמונטערט.

ס'האָט דעמאָלט דער שטורעם זײַן גריווע פאַרבויגן,
זיך געשעמט פאַר די שטילע,
און אַ רעגן־בויגן האָט אין זייערע אויגן
געשימערט מיט תּפֿילה.

פאַר אַלץ, וואָס איז שיין און מיט מוטן באַאיידלט
אין ווירבל פון שטראָמען.
אין מיטן פון כוואַליעס האָט דעמאָלט אַ מיידל,
וואָס כ'ווייס נישט איר נאָמען,

זיך פלוצעם אַנטפּלעקט אין געזילבער פון שוואַנען
מיט פּערל באַהאַנגען.
און די שיינקייט, די ליבשאַפט, וואָס איז נאָך פאַראַנען,
האָט מיך דאַן געפאַנגען.

דער פעלדז אויפן ברעג, אונטער דונערשע קריצן,
איז שמעלציק צעגאַנגען.
און איך — צו דער שיינקייט, דורך שפּאַלער פון בליצן,
בין רויִק געגאַנגען.

אין כוואַליקןווירבל, אין בליציקן אַוויר —
אַ זעונג דערהייבן.
און ס'האָבן מלאכים געוויגט אין דעם מבול
אַ זילבערנע תּיבה.

אַ פעלדז בײַם ים

וואָס שווערקייט פון שליים און דוממשער גליוווער,
ווען עס ווײַניקט דער פורפור פון דעמער?
מײַן שטייניקס צעגייט אין צונדן פון פיבער
אַקעגן מײַן ליבער.

איך, איינזאַמער חתן, אין ברעגווײַן פון דעמער —
איך לויף צו דעם ים מיט מײַן גלוסטיקן זמר:
קום, ימישע מלכּה,
דו, בלאָע רוסאַלקע!

גענוג שוין געוואָרט בײַם ברעג פון אומענדן.
גענוג שוין געשטאַרט בײַם נעפּל פון גרונטן.
זון שפּרייט איצט שטראַלן — דײַן צאָפּ אויף די לענדן,
די זונקויל צעפּײַערט דײַן קאָפּ־שײַן דעם בונטן.
איצט ריר איך פון גליוווער, מײַן דאָרשט בעט: פאַרגוטיק.
ס'זידט איצט מײַן שטייניקס און ווײַניקט און בלוטיקט.

איך בין ל י ב ש אַ פ ט אַצינדער!
אויך שטיין איז נישט מינדער
פון די פּלאַנקטאָנען, קאָרעלן און רויגן.
צו דיר גיי איך איצט אין העלזען אַ בלינדער,
באַקרויניקט מיט שטערנשע אויגן.

איצט זע איך, איצט הער איך, איך קען טרוימען
און טראַכטן, געדענקען און בענקען.
עס קאָן נישט דער שוים מיך פאַרשוימען
און עס קאָן נישט דער ים מיך פאַרשווענקען.

דער שוים פון ים

דער שוים פון ים — ווי זעסט אים פליסן,
ווי קוקסט אויף אים מיט אַ באַדויער —
אויך ער האָט מוט צו לאָזן וויסן,
אַז מער פון שיפן זײַן געדויער.

דער ווינט פאַרטראָגט העט ווײַט די שיפן,
נאָר כוואַליעס שוים אַלץ העכער שפּאַרן.
זיי שטײַגן סודיק פון די טיפן
מיט אוצר־וווּנקען לעגענדאַרע.

און זע אים, זע, דער שוים — אַ זקן,
אַט כוואַליעט זיך זײַן באָרד מיט זילבער,
אַריבער אָפּגרונט נישט דערשראָקן.

אַ גיבור איז ער און אַ חכם,
און זע זײַן שמייכל — סאַראַ מילדער!
אים האָט קיין שטורעם נישט צעבראָכן.

רוסאַליע

געהאַט שוין פֿאַרגעסן דײַן נאָמען,
איז דער ים געקומען דערמאָנען.

רוסאַליע! —
אַ כוואַל דורך געהירן,
ווי זון דורך טיטאַנען
פֿון קריַע־געפֿרירן.
רוסאַליע,
דו ביסט נאָך צוזאַמען
מיט מיר אויף דער שיף,
וואָס בענקשאַפֿטן פֿירן.

שלאָף, קאַפּיטאַן,
מאַטראָסן, גייט רוען.
מיר אַליין וועלן שיפֿן
צו ערגעצן, וווּען.

רוסאַליע, רוסאַליע!
אַ שטערנשער זעגל זיך קניפּט צו דײַן טאַליע.
ער בלענדיקט אין חשכות
און פּעכט מיט די ווינטן
אין כוואַליקן וואַשרים
אויף נאַכטיקע טינטן.

וואָס שרײַט די סירענע?
סאַראַ ברעג איר כּוונה?
דאָ, ווו איך אָטעם
בײַ דײַן וואַרעמען פּנים!

רוסאַליע, זאָג זיי געשווינדער,
אַז מיר אויפן דעק — צוויי קושיקע קינדער,
און וואָס אונדז דער רודער
און וואָס די ראַדאַרן?
מיר שיפן אַהין, וווּ מיר ווילן און גאַרן.

רוסאַליע, דײַן ווינט!
רוסאַליע, דײַן שטערן!
דײַן נאָמען, נאָר איינער —
איך וויל טויזנט מאָל הערן!
דער ים איז געקומען דערמאָנען.

שפּעט איז די שעה,
אַ שיף גייט אין חשכות
און עס פּירט איר מיט טויזנטער לאָמפּן
דײַן נאָמען.

נישטאָ איצט קיין פּאָרטן!
אין ערגעץ קיין אַנקער צו קניפּן!
איך זע דיך איצט דאָרטן —
אַ גלוטיקע נאַכט, אַ שוימיקער ים
און דײַן שיפּיקער שטערן שנײַדט מײַנע ליפּן.

אַ ביסל זאַלץ

די שטילקייט קומט, און זי איז אַלץ.
אָט גייט דער ים צוריק
און לאָזט דעם ברעג אַ ביסל זאַלץ.
ווי אָרעם-שיין, ווי לויטער-ריין!

שטילקייט, רו,
אַ שטערן סודעט מיט דער טיף
און אַזוי פיל זאָגט ער צו.
ווי אָרעם איז אַצינד די שיף
מיט אַלע בונטע טענער
פון איר הילכיקער מוזיק.

די רו — זי איז שענער,
זי לאָזט דעם ברעג אַ ביסל זאַלץ
און פירט דעם ים צוריק.

צוויי רעגנס

ווען האַרבסט שלאָגט רעגנדיק דעם ים און וואַסער די וואַסערן באַרינט —
ווערט גראָער די גראָע פאַרב און אַלע פאַרבן וויינען בלינד.
דעמאָלט זוכן מאַטראָסן דאָס רויט פון האַרץ אין רויטן ווײַן,
נאָר שטאָליק־גראָ וויגט דער ים און אַלע נימפעס שלאָפן אײַן.

די בעכערס בלײַבן ליידיק און שטורעם טעשלט שוואַרצע קאָרט, —
איז שפּילט מען כמוריק, שווײַגיק, און מען חלומט פון ווײַטן דאָרט.
דאָרט ווײַט גייט איצט אַ רעגן און ער איז גרין ווי גרינע ערד, —
בייגן זיך די אַקסלען און פינגער בלאַנדזשען אין די בערד...

דאָרט ווײַט גייט איצט אַ רעגן, ווײַט פון ימס כמאַריקן געפלייץ.
די זאַנגען — אים אַקעגן מיט דופּט און גאָלד פון רײַפן ווייץ.
אויף האַרטע וויִעס שימערט אַ שפּיל פון טראָפּנס גאָלד און גרין, —
דער גראָער ים ווערט אָרעם, די זעגלען בייגן זיך אַהין...

אויף שיף — די בעכערס ליידיק און אַלע קאָרטן אויסגעשפּילט.
נאָר ברעגן, פעלדער — פריידיק, ווי מיט גיטאַרעס אויפגעשפּילט.
צו סטרונעס פון ווײַטן רעגן זיך ציִען זעגלען אײַנגעהערט.
דאָרט ווײַט גייט איצט אַ רעגן און ער איז גרין ווי גרינע ערד.

פון דער ווייַט

ווי נאָך אַ שיפּבראָך גייט דער טאָג אַוועק
און אַזוי ווייַט דער ברעג.
איצט הונגער איך צו ליבשאַפֿט
און איך זוך מייַן שטערן אין דער טיף.

נישטאָ די שיף,
נאָר וואַסער, ווינט,
און אַזוי אַליין בין איך אַצינד.
באַווייַז, טייַערע, דייַן פּנים — בלאַנד און מילד.

דערזע, דערהער,
ווי אַנגסטיק מייַן געבעט!
כ'האָב איצט גאָרנישט מער —
איין האַנט — צום הימל,
די צווייטע — אויף אַ ברעט.

דאָס איז די ברוכוואַרג פֿון מייַן שיף
און אַ גלאָזיקע לבנה אַרום איר,
ווי אַ פֿלאַש, וואָס טראָגט אַ בריוו
צו דיר.

אַליין בין איך אַצינד.
אין וואַסער שרייַט דער ווינט.

צום ליכט פון ברעג

אַט גייען ליכט און וואַסער אַ געהוידע
מיט פאַנג-געזאַנג פון פישערס און מאַרינען.
אַ ווינטל וועגן גאָלדן-פישל סודעט:
איעדער קאָן דאָ פאַנגען און געפינען.

אינעם ים איז אַלץ — זאַלץ און ברויט און וווּנדער;
טויט און לעבן — איעדער בויג און וואַליע.
לבנה אויפן ים, ווי ברויט — אַ רונדע,
איך שנייַד זי מיט אַ וויעסלע אויף דער כוואַליע.

פאַר דיר — אַצינד די זעגלען אָנגעצויגן,
איך זע פון ים דייַן שויב, דאָס טרעריק פייַער.
דאָרט זוכן דייַנע צוויי פאַרווײנטע אויגן,
אַוווּ איך בין, צי כ'בין נאָך אַ געטרייַער.

זאָגט, שטערן, אַז איך שטראָם דורך טויט און וווּנדער
און אַז איך שנייַד מייַן ברויט אויף די תהומען,
אַז אויפן ים געדענק איך אויך דייַן הונגער
און אויף די שטערן ציטערט איצט דייַן נאָמען.

אַט גייען ליכט און וואַסער אַ געהוידע
מיט באַנג געזאַנג פון פישערס און מאַרינען.
אַ ווינטל וועגן גאָלדן-פישל סודעט,
און אין דער נעץ — דאָרט צאַפּלען נאָר סאַרדינען...

זאָל זײַן אַזוי! וואָס מערער און וואָס מינדער?
אַלצאײנס אַצינד פון שטערן ביז די רויגן.
דער ים איז ליכטיק און איך שווים אַ בלינדער
מיט וויעסלעס צווײ פון דײַנע פײַכטע אויגן.

אַהיים! אַהיים! איך זע דאָס טרעריק פײַער,
דאָס קלײנע לעמפּל אויפן אָרעם טיש׳ל.
דער ים — די גאַנצע וועלט איז איצט מיר טײַער
און יעדעס זעמדל אויפן ברעג — אַ גאָלדן פיש׳ל.

נעפּל און שטערן אויף דער סען

אַ פונק אין האַרבסט

אַ לעצטער באַן־פונק, רויכן אים פאַרשלינגען,
ער פאַלט מיט זיי אויף קנוילן פון וואָקזאַלן.
נאָר איך באַפרײַ אים פון די שוואַרצע רינגען —
דו, פונק דו איינציקער, איך וויל זאָלסט שטראַלן!

אָט איז פאַריז, נאָר רעדער קלאַפּן דומפּיק —
זיי זענען הײַנט ווי נעכטן שוין געפאָרן.
בײַ מיר איז יום־טוב, כ׳וויל נישט קומען לומפּיק.
ס׳איז דער חלום פון אַלע מײַנע יאָרן.

איך שלים מײַן רענצל, איך גלײַך אויס מײַן מאַנטל
און כ׳נעם אויך מיט דעם פונק אויף מײַנע וועגס...
„רעפּובליק", „באַסטיל" — נעמען אַלט באַקאַנטע...
אַ, ווען האָב איך אָנגעהויבן מײַן נסיעה?

אַ פונק, אַ פלאַם — ער צינדט אָן מײַנע בליקן.
אַ פונק, אַ פלאַם, וואָס בינדט מיט יעדן וואַרעם.
און שוין בין איך אין פלעכטעניש פון בריקן
פאַרהיימישט מיט אַלייען און בולוואַרן.

ליכט און נעפּל

וואָס זע איך דאָ אין פינקלעניש פון ליכטער?
וואָס זאָגט מיר יעדעס פּנים, וואָס איך לייען?
גורלות רעדן חלומדיק און ניכטער,
די ליכטער מיטן נעפּל זאַלבעצווייען.

אַ בעטלער וויינט אין גאָלדגעקלונג פון אָרגל.
אין חנא־גלאַנץ — זײַן האָרב מיט אַלטע זאַכן.
אַזוי — דו שטאָט! זאָלסט גאָרנישט הײַנט פאַרבאָרגן.
סײַ־ווי קען איך דעם האַרבסט פון אַלע שליאַכן.

נישט באַהאַלט דעם פּײַן, ער וועט נישט אַנטווישן,
האָסט נאָך טרוים געגוג — האַרבסטן צו באַצירן!
נאָך ליד גענוג — אין דײַנע מידע רווישן,
נאָך מוט גענוג — פאַר דיכטערס שיר־השירים.

נישט איך, דײַן גאַסט, וועל זײַן דײַן שטרענגער ריכטער,
איך קען די טרער פון דײַנע לאַבירינטן.
כ'האָב זי געהערט אין ליד פון דײַנע דיכטער,
אינעם רים פון סטרונעס אויף אַלע ווינטן.

אויף ים, אין מידבר, אַלע אומעטומען —
ס'גייט זייער ליד אין האַרבסט פון אַלע וועגן.
פון מידבר טראָג איך מײַנע הייסטע בלומען
צו שפּרייטן אויף קברים פאַר זייערטוועגן.

אַ פּלאַש אויף דער סען

אַ פּלאַש שווימט אויף דער סען
מיט דורכגעווייקטע באַנדעראָלן.
קאָנסט נאָך לייענען, וואָס געווען
אין אַמאָל פון די אַמאָלן...
אַ טיש מיט וויַין
און פרייד זאָל זיַין —
געקלונגען האָבן בעכערס.
איצט שווימט אויף סען אַ פלאַש,
נאָך פריידן — אָפּגענאַשט,
נאָך ליכטער — אויסגעאַשט,
אַ וויַיטער עכאָ...

דער לעצטער וויַין — אין אָונטיקן ברעג,
און שאָטנס וואַקסן פון דער סען.
דאָרט, איבער די בריקן הויך,
אַ בעטלער האָט אַרויפגעטויכט
און עס ציטערן די סטרונעס אויף זיַין אָרעם:
גאָלד — די פרייד, נאָר איך בין אָרעם.

ס'איז גאָלד געווען, ס'איז וויַין געווען,
אַ מאָל, אַ מאָל... נאָר ווי און ווידער?
די טרערן שווימען מיט דער סען,
אַ שווערער נעפּל נידערט.

איך גיי אויף דער וואַקלדיקער בריק,
אין מיַינע אויגן צינדט דער אומרו צוויי שטורקאַצן.
אין לעצטן אָונטשיַין, אין אויסגעפלאַקערט גליק
שווימט אַ פלאַש צווישן חורבות און פּאַלאַצן.

אויף די טראָטואַרן פון מאַדלען

מיט די ציטערן פון שוואַרצן קלייד
זאָגט די נאָנע אַזוי
צו דער שפּעטנאַכטיקער פרוי:

בײַ נאַכט און בײַ טאָג
טרעף איך דיך אויפן ראָג,
דו ביסט ערגער פון רעגן
און שלעכטער פון ווינט,
קומסט אומישנע אַקעגן
צו דערמאָנען מײַן זינד.

שפּעט-נאַכט, שאַ-שטיל,
עס בלינצלען בלינד די לאָמפּן אויף גאַס,
גיך אײַלט די נאָנע אין שוואַרצן געהיל,
נאָר עס לויפט נאָך איר אַ קריץ פון אַפּצאַס:

נאָנע דו, אין שוואַרצן קלייד, —
אויב דו ווילסט — געזונטערהייט,
דײַן שלייער פאַרבינד, אין אַלץ פאַרגעס
און זײַ הייליק, ווי די מאַדאָנע אין נס,
נאָר איך פון אַמאָל, די פרוי אויף ב ל אָ נ ד ע ל*
ווי לאַנג מײַן זכרון נאָך היט,
דערמאָנען וועל דיך,
אַז מיר ביידע אויף איין שוועל
ווי צוויי שמעטערלינגען האָבן פאַרגליט,
און נאָך הײַנט קומען צו מיר
דײַנע ברידער פון מאָנאַסטיר...

* אַ געסל אין פּאַריז.

שפעט-נאַכט, שאַ-שטיל,
נאָר אַ ווײַטער געביל
פֿון אַ קלויסטערשן קלונג,
און אַ רייפל לבֿנה, ווי אַ כיכיקע צונג...
אוי, ווי דער ווינט שרײַט פֿרעך!

ער גיט אַ כאַפּ דאָס שוואַרצע היילקע קלייד,
און אַזוי, צעבלאָזענערהייט —
רײַסט ער אַרויס די לעצטע פֿרומע שטעך.

דער מלך פון נאַכט

האַלב נאַכט, ווען ס'שאַטנט די גאַס פון „ווײַסע מאַנטלען" *
און בעטלערס, חלומדיק, צו די טראַנען קומען —
שטייט אויף איינער, אײַנגעהילט אין שווערע טראַנטעס,
און ער גייט מיט שפּאַנען אימהדיקע, קרומע
צו דער סען, צום אָבעליסק, מיט דער ע ל י ז ו י
ביז טויער דעם טריומפישן, סאַמע אויבן.
דאָרט וואַרפט ער אַנידער זײַן פּאַק מיט ווינד־און־ווײ
און קרוינט זיך אַליין צו אַכפּערן און לויבן:

דאָס בין איך, דער און דער, אויף אייגענעם גזר —
פון דער שטאָט שטעט פון שטעט דער הערשער און געוועלטער.
דאָס בין איך, דער מלך־אביון דער קלאָשאַר —
מײַנס די שטאָט מיט אַלע טורעמער און וועלדער!
שטויב אויף מיר — פון יעדן שטיין, פון מאָך — דער שימל,
און ווער ס'וויל, צי נישט — אַלע מײַנע אונטערטאַנען.
ס'איז מײַן טראָן פון פּײַן, מײַן זאַלב — ער טריפט פון הימל,
און אַ מלכּה — אויב איך וויל — איז אויך פאַראַנען.

אויף אַלע גאַסן, אין יעדערער וויטרינע
שטראַלן כּלה־קליידער, אַלץ — פּאַר מײַנעטוועגן.
אַז וועלכער מלך האָט נאָך אַזאַ מדינה
און אַזאַ פּאַלאַץ און אַזאַ פאַרמעגן?!
כ'האָב שאָטנס פון דער נאַכט — אַזאַ גרויסן חיל,
און אַ טאָרבע שטיינער — שלײַדיקע געווערן.
פון אַלע גאַסנלאָמפּן האָב איך דאָס פײַער
און אויף מײַן גאַרטל — שפּיזלען פון אַלע שטערן.

* אַן אַלטע קעניגלעכע גאַס אין פּאַריז.

אזוי קרוינט זיך אליין מיט וויי און שטאָלץ בײַנאַנד
דער מלך אביון, דאָס בינטל האַרטע קנאָכנס,
מיט טאָרבע צוקאָפּנס, מיט סקאָרינקע אין האַנט
אויף געדאַכטן טראָן אין טויער פון נצחון.
און עליזיי, וואַגראַם — גאַסן אַרום, אַרום —
בייגן אײַן די לאָמפּן, אין שרעק פון דעם געשען.
...עס דויערט נאָר אַ שעה — גיט אַ בליאַסק די זון,
און — דער בעטלער גייט צוריק, ווו ער איז געווען.

צוריק צום ווינקל אויף גאַס פון „ווײַסע מאַנטלען",
אין שאָטן פון אַ קאַסטן, ווו עס ראָיען קעץ.
צוריק — דער מלך אויף זײַנע שוואַרצע טראַנטעס.
ער רופט אַ פייגעלע: קום, זײַ מיט מיר אין נעסט...
אויך זי — צוויי פליגל וונדיקע, איר נאַכטגעוואַנט —
זי שפּרייט זיי אויס צום ליכט פון טאָג פול מיט צער.
און זי און ער — ביידע חלומען אויף לעצטן ראַנד
פון איין צויטן פורפור — דאָס מלכות פון קלאָשאַר.

דאָס שוואַרצע פּלעמל

פון טוכלען גרונט, פון ענג פאַרדרייטן קנאָדער,
צום פּינטל אויג, דורך קנופּ פון האַרץ און אָדער,
דאָס שוואַרצע פּלעמל צינדט זיך מיט אַן אימה.

און קיינער ווייס נישט, ווער דעם פּחד צינדט דאָ
און ווער די קאָמונאַרן־פרייַהייט בינדט דאָ
און ווער דאָס שוואַרצע פּלעמל דאָס געהיימע.

ס׳איז זי, די מויזעניש אין יעדער נאָרע,
דער האַרטער זעגצאָן אויף דער גרינער קאָרע,
דער קרומער וואַקל פון אַלע אַלטע ווענט.

ס׳איז ער, דער שאָטן, וואָס שטייט אויף יעדער שוועל,
דער בלינדער שטרויכל פאַר יעדנס גיי און שטעל,
און אין דער פינצטער זייַן שיקל־פּלעמל ברענט.

צומאָל — פאַרשטעלט ווי אַ פּאַסטעך און אַ באָרד,
מיט אַ ליד און שמייכל אויף אַ מעסער צאַרט,
און ער טראָגט די רויב, ווי פאָן אין גרינעם העמד.

און צומאָל — אין וואַלד בולאָנער אַ זשאָקעי,
ער טרייַבט דאָס אַדלפערד מיט טרומייטן: העי!
און פּלוצעם — שמעטערפאַל, האָפּ אויף שוואַרצע ווענט!

ער איז אין שטויב, אין וואַסער, אין גרינעם מאָך,
און אַ שטערן אין דער פינצטער לויפט אים נאָך,
ווי לאַקעראַוויג פון באַהאַלטענעם אַגענט.

וווּ איז ער, וווּ? ס'איז שוין לאַנג פאַרמעקט זײַן גאַנג,
ער איז אין שטערנפאַל און אין זונגעצאַנק,
ער איז אומעטום און ערגעץ נישט דערקענט.

ווילסט וויסן ווער — ער איז יעדער, אומעטום.
פרעג בײַ זיך אין האַרץ, נאָך איידער פרעגסט אַרום,
אַז ווי אַזוי האָט אים קיינער נישט דערקענט?

און אויב דו ווילסט דאָס געהיימעניש פאַרשטיין —
פרעג בײַם פונק פון גאָט, וואָס וווינט אין דיר אַליין,
ער קען דאָס שוואַרצע פלעמל, וואָס תּמיד ברענט.

בײַ אַ מאָנאַסטיר

אַ שאָרך פון גראָז, אַ וואָרקעניש פון טויבן:
טו אָפּ די שיך, דאָ איז אַלץ הייליק,
וואָס אָפּ דײַן ליב לײַב פון אַלע וואַנדערשטויבן,
נעם ברויט און זאַלץ, שוין וואַרט דײַן חלק.

אַ דאַנק, אַ דאַנק אײַך, חסדיקע ברידער,
מײַן וועג פירט ווײַטער איבער לענדער.
כ'האָב ליב די ערד, מײַן האַרץ איז פול מיט לידער
און כ'בין אומעטום נישט קיין פרעמדער.

ווי בלײַבן הינטער מויער אָפּגעשלאָסן?
דאָ, אין קלעם צווישן קרייץ און דאָרן?
די ערד איז שיין, ס'איז גוט צו זײַן איר חתן
מיט ליד און ליבע לאַנגע יאָרן.

זי שײַנט מיט תבואה, זי בליט מיט ליכטער —
און אויך איר האָט אין דעם אַ חלק.
אויך די זינד — ברידער, קומט, פאַרריכט איר,
ס'קאָן דאָך יעדער שטיין ווערן הייליק.

אַ דאַנק, אַ דאַנק אײַך, ברידער, זײַט געזעגנט,
און אפשר טרעפן מיר זיך ווידער.
זעט פרילינג רופט, עס בליִען אַלע וועגן,
אַ גוטן טאָג! מיך רופן לידער.

אין אַ מערציקער נאַכט

צוויי שמאָלע שאָטנס אין אַ ווינקל האַלבע נאַכט,
אויף זיי — דעם רעגנס שטעכעדיקן דוש.
ער הילט זי אין זײַן מאַנטל און זי לאַכט
מיט אַ זילבערדיקן קוש.

איך, פאַרבײַגייער, איך זאָג אַ דאַנק
פאַר דעם זילבערדיקן קלאַנג.

גוט אַזוי, פאַרן טויער פון מײַן שלאָף
צו זען און הערן
צוויי יונגע שטערן
אין אַ כמאַרעדיקער נאַכט.

אַזוי וואָלט איך אַהיימגעגאַנגען
ווי אַלע אַלטע אומעט-הענדלער
מיט עך און אַך פון קרעכץ און זיפץ.
נאָר איצט הער איך שיר-השירימשע געזאַנגען
און איך לייען ערד און הימלען
מיט אַ נײַ געשריפטס.

אַ דאַנק די צוויי יונגע שטערן
איז מיין יוגנט נישט פאַרטושט.
אויך די פאַרטויבטע קאָנען איצטער הערן,
ווי פרילינג טרײַבט דעם ווינטער מיט אַ קוש.

אונדזער שיפל

מירביידע הײַנט די אַלטע שטאָט באַגאַסטן,
אויף קאַנאַלן אין וואַטעוואַטן נעפּל,
און איבער אונדזער פּיצל שיפל
הייבן זיך די מאַסטן
פון דעם אייפל.

מיר שווימען בײַ געבויגענע קאַשטאַנען,
און נעבן אונדז טוקן זיך און זינקען
די ווײַסע שוואַנען.

אַלץ טיפער אין די גרינע שליימען,
בײַ אַלט־פאַרמאַכטע פונדאַמענטן.
מיר דאַכט, די שוואַנען וויינען
מיט פליגל אין די נעפּל־פּענטן.

דער נעפּל שלינגט זיי אײַן וואָס טיפער,
זיי ווערן גראָער און פאַרשווינדן.
נאָר דו אַליין אויף אָט דעם שיפל —
דײַנע אויגן דעם נעפּל צינדן.

דערציילסט מיר וווּנדערן פון לאַנג,
איך זאָג: ס׳וועט סטײַען.
אַז דו אַליין ביסט איצט געזאַנג,
איך זע אין דײַנע אויגן
אַ שטאָט אַ נײַע.

איך זע זי אין דײַנע אויגן
מיט וועלבונגען פון רעגן־בויגן —
אַ שטאָט אַ נאָר געבויטע,
אין נעפּל אויפגעהויבן.
דאָרט וווינען נישטגעבוירענע און טויטע,
און דו ביסט זייער אָטעם
און דו ביסט זייער גלויבן.

איך זע דאָרט יעדעם הויז מיט טויזנט שויבן,
הינטער נעפּלען איז די שטאָט פאַראַנען,
איר זעען נישט די זינקענדיקע שוואַנען,
נאָר דו — אין דײַנע אויגן איז איר ווונק און סימן,
אַז אַלץ גרינגער און אַלץ יינגער
זאָל אונדזער שיפל צו אירע ליכטער שווימען.

פרילינג

מיט ווארעמע פינגער רירט אָן די נאכט
אין פארק דעם אלטן גליווערדיקן שטיין:
צי הערסטו נישט ווי קנאָספּן אויפגעמאכט?
ביז וועןָ אזוי וועסטו פארגליווערט שטיין?

ס׳צוקט דער מאָנומענט, אין זײַן הארטן קנייטש
טריפט מיט הייסן גום די צעבליטע נאכט.
דער שטיין ווערט וווּנד, עס זאָטיקט בלוט און פלייש,
און שטערן — ווי סיגנאלן אין א שלאכט.

ווער שפּאלט און וועקט? א, דאָס איז ער אליין,
דער יינגסטער גרענאדיר מיט העלסטער פאָן.
פון סען. וועגסען, פון טײַך און וואלד און בארג
קומט ער הײַנט נאכט מיט זיג צוגיין.

ער קלאפּט שוין אין דײַן טויער, ביטשעמאָן,
ער וועקט דעם מאָנומענט אין פארק.

אַפּריל

הײַנט איז אַלץ אַן עדות, אַז אַפּריל
גייט צו מײַ אויף אַ טעפּעך בלױונג,
ס'נעמט די זון אים אין איר קאַדריל,
אין קרײַז פון דענקמעלער צו פליִען.

אויך איך — אויף איינעם פון די פליגל,
אויף אַזאַ פלאַטער־בראַנדז פון חלום.
ס'האָט מיך אַ מײַסטער צוגעזיגלט,
אין עליזיי אַרײַנגעמאָלן.

אַלץ איז עדות, אַז אויך איך — אַפּריל,
מיט בראָנדזן, צווײַטן און באַגערן.
די גאַסן זשומען, מײַן האַרץ קלאַפּט שטיל
און ע ט ו אַ ל איז איצט מײַן שטערן.

איך גיי אַזוי ווי אַלע גייען,
אין זונס קאַדריל אַרײַנגענומען.
מיך טראָגן בליִיק די אַלייען,
איך זינג צו שטיינער און צו בלומען.

דעם פרילינג קאָן איך נישט פאַרראַטן,
פון תּמיד טו איך אים געהערן.
איצט בליִען שטאָטישע קוואַדראַטן
און ע ט ו אַ ל איז איצט מײַן שטערן.

מישלין

מאַך העל דײַן סוד, ווער ביסטו, מישלין?
צי נאָר אַ נאָמען אַ געדאַכטער?
דו, פֿאַרהוילענע — דײַן רוף: איך בין!
פּאַריז — מײַן טאָג און מיט איר נאַכט איך.
דײַן נאָמען — אַ מילגרוים אויף קאָנקאָרד,
אויף עליזיי — בליציקער בורשטין.
דו ביסט דאָ און דאָרט, אויף יעדן אָרט,
מיט דײַן אומגעזעענקייט, מישלין.

ביסט ווײַט און כ׳פּיל דיך אויף מײַן ווִיע,
פֿון אַלע גאַסן, געסלעך, הויפֿן.
אויף רעלסן דײַנע צעפּ זיך ציִען
און דײַן באַוועג צעפֿינקלט שרויפֿן.
אין שטערנקרײַז אויף אַלע פּלעצער,
אויף גאַסן, בריקן, אַלץ אין איינעם —
דײַן נאָמען שײַנט, ער מאַכט אַלץ גרעסער,
עס שטײַגט די שטאָט פֿון דײַנע חנען.

ביסט סוד פֿון אָט דער שטאָט, דו, מישלין.
פֿון אַלץ — דײַן נאָמען אַרויסגעהערט;
אינעם גליטש פֿון מעטראָשן געשפּין
און שטאָלענעם צאַק-צאַק אין דער ערד.
פּלוצעם, בײַ אַ פּעכיק שוואַרצער וואַנט,
בײַ קאַנאַלנס זומפּיק גרינעם פּלום —
דו, מיט ווײַסע מיגעם אויף דער האַנט...
דו ביסט פֿון פֿרילינג דער שענסטער גרום.

אין דעם לײַכטסטן װינט, װואָליש דין,
דערזע איך דיך — גלײַך א דענקמאָל גײט...
דאָס ביסטו אין שװעב, דײַן טראָט, מישלין,
ס'איז מײַן ליד און דו, מיר — זאָלבעצװײט.
איך חלום דיך און זע דיך קלאָר,
ביסט מײַן העל געפינס און שענסט געװינס.
פון דענקמאָל פלאַטערן דײַנע האָר
און שפּרייטן גאָלד אויף אָן אַלטן גזימס.

איך טרינק די שטראַלן, דײַן אָטעם קוואַלט.
דו באַלעבסט דעם אַלטן, שװאַרצן שטײן.
זאָג מיר, אַלטע שטאָט, װאָס איז דאָ אַלט?
איך זאָג דיר, שטאָט, דו ביסט שװאַרץ און שײן.
די אַלײען צירן דיך אין גרין
און יעדער קנאָספּ מיט איר נאָמען גריסט.
מישלין, ביסט דער משל און דער זין
פון מײַן יינגסטן פרילינג אין פּאַריז.

אין ליכט

פאַר שאַרל דאָבזשינסקי

מיט רינגען אויף רינגען, פּאַסן אויף פּאַסן,
קרייצן זיך ליכטער דורך פלעצער און גאַסן.
פלאַמען און פונקען — פאַרקראַנצטע איינאַנדער,
ליכטער אויף ליכטער, און יעדער — אַן אַנדער.
אַט שלאַנגיק, אַט וועלביק, רונדיק, זיגזאַגיש,
וואָרעמלעך היימיש און שרעקעוודיק מאַגיש.
רינגען — פאַררינגלט, ווי ווײַניקע רייפן,
פּאַסן — געפלאָכטן, ווי צעפּ און ווי שלייפן.
און איך אין ליכטשטראָם — וואָס טו איך אַצינדער?
כ׳בין אויך דאָ אַ ליכטשטראַל, איינער אַ מינדער —
אַ גליפליג אַזאַ מיט שטערן באַסימנט.
אין שוועב צווישן ליכטער זינג איך אַ הימען.

אַ לויב צו די ליכטער, פּאַסן און רינגען.
ווי לידישע ווערטער — זיי אַליין זינגען.
איך לײַכט אינעם ליכט און ס׳ווערט מיר אַלץ ליבער:
פון וואַנען דאָס ליכט? פון מענטשלעכע שטיבער;
פון מי און פון זאָרג, פון טרוים און געווינען.
דאָס איז דער שײַן פון מענטשלעכע היימען —
ליכטער פון יום-טוב און ליכט פון אַבלות,
איינס און דאָס זעלבע. נישט שייד עס און טייל עס.
פּאַסן און ראַצן און רונדן און ווּנדן —
אַלץ איז פון הערצער און אויגן געצונדן.
אויך איך — דאָ איינער אין מיטן דערינען —
אין שוועב צווישן ליכטער זינג איך אַ הימען.

צום ליכט פון די שטיבער און גאַסן און וועגן.
עס רינגעווען ליכטער וועלט אין באַוועגן,
עס שטראַלן ספּיראַלן צו ווײַטן געווענדטע
פון די וואָקזאַלן אויף ברייטער מאַזשענטאַ,
עס פונקעווען באַנען — ליכט אַ צושטײַער,
און ס׳שטראָמט צום מאָנמאַרט אַלוועלטישער פֿײַער.
כ׳זע אַלע ליכטער בײַנאַנד אין איין בויגן,
מאָלערס בײַ אים מיט מאַגנעטישע אויגן,
און הויך, אַריבער אַרענע פון ליכטער,
זע איך צוזאַמען בונטאַרן און דיכטער,
בײַ פּלאַמיקן ווײַן אין רויט פון באַגינען...
מײַן פרייד — אַלע ליכטער, כ׳זינג זיי אַ הימען.

מײַ

נאַכט און פריד אויף גאַסן פאַר די האַלעס,
מיט ברויט און ווײַן גרייט אַ טאָג זיך נײַ.
צווישן פליישן — בינטעלעך קאָנוואַליעס,
צו גריסן מיט באַגינען ערשטן מײַ.

אײַנגעוויגט די שטאָט, זי שעפּט איצט שלווה,
עס חלומען די בייזע און קאַפּריזע.
באַלד וועט טאָג אַ טריף טאָן זײַנע זאַלבן
מיט די זילבערן פון מאָנאַ־ליזאַ.

די סען שוין ראָזט, שפּיגלט אַלע רויזן,
באַלד וועלן דערוואַכן די קלאָשאַרן,
ווי ליליפּוטן צום גאַנג פון ריזן.

באַלד וועלן די מערק און פּלעצער ברויזן
און צונויפקניפּן דעם קראַנץ פון צערן
מיט אַ יום־טוב־טרער פאַר מאָנאַ־ליזאַ.

אַ ניגון בײַ נאָטרדאַם

כ׳הער אַ ניגון דאָ, בײַ נאָטרדאַם,
אויף הענט — צוויי שפּינדלען, וואָס וועבן זײַד.
ס׳איז דער איידל־זײַד — אַ בלאָער פלאַם
פון מאַמעס און באָבעס ערגעץ ווײַט.

אַזוי ווײַט דער וועג און דאָך פאַרהיט
דעם שאָרך פון זײַד און דעם ווונק פון ליכט.
ס׳איז בײַ נאָטרדאַם אַ ייִדיש ליד,
ווי פרומע ליכט בײַ פאַרשטעלט געזיכט.

כ׳זע ווי שבת־שײַן דײַן גראָע שעה
אינעם טאָג פון מי בײַ ברויט און זאַלץ.
ווען בת־טובים וואָלט געקומען דאָ,
וואָלטןביידע שוועסטער זיך געהאַלדזט.

מײַן אַלטער װײַן

פיגאַלער פײַערן, רױטע, גאָלדענע,
מיט שױם שאַמפּאַניקן, קאָכיקער פּאַרפום —
זײ רופן מיך: קום, יאָלדענער,
צום לוסטיקן געזשום!

זײ װײסן, אַז איך אַלײניקער, —
אַ גאַסטיקער, אָן־הײמיקער,
און רופן מיך: קום זײַן
בײַ אונדזער ליכט, בײַ אונדזער װײַן.

פיגאַלער פײַערן װינקען גליקלעכקײט:
גיכער, גיכער, קום, אַנטהיל.
קום מיט שיקלעכקײט,
נעם דיר דיקלעכקײט,
שפּיל מיט נאַכט די פײַערשפּיל.

פיגאַלער פײַערן, גאָלדיק ליליקע,
בלינצלען, שטױנען, נישט פאַרשטײן:
— װאָס דו שעמיקער, װאָס דו שטילינקער
בײַ װעמען זוכסטו סוד און חן?

דאָס װײס איך,
דאָס איז מײַן סוד אַקעגן פײַערן —
מיט ברעם אַראָפּ אין שײַן פון ליכט...
איך געדענק נאָך בועזס שײַערן,
װי רות פאַרהילט איר פרום געזיכט.

פיגאַלער פֿײַערן, קאַראַהאָדישע,
שטרעקן אויס צו מיר אַ צונג:
קאַלטער שאַרבן דו, אַלטמאָדישער,
קום, ווער יונג!

איך הער דעם רוף,
ער צינדט מײַן גוף
און אַלע פֿײַערן אויף מײַן געזיכט.
נאָר טיף אין מיר — מײַן אַלטער ווײַן,
ער איז אַלט און קוואַלט מיט פֿרומען שײַן
פֿון מײַן מאַמעס ליכט.

קרובים

פאַר משה און ראַשעל

א

כ'האָב איינעם דאָ אַ קרוב, אויף גאַסן די,
אַ וועבער סתם, אַזאַ שוויַיגנדיקער ייִד.
זײַן האַרץ האָט ער געטראָגן מיט לידערגלי
צום פײַער־טויער פון מאַדריד.

פון טויט אַ פינטל ברענט אין זײַן באַק פאַרטיפט,
ס'איז דער טײַוול־צייכן פון אַ שונאס קויל.
איך זע אינעם פינטל אַ מגילה־שריפט
פון גאָלד און בלוט, פון רום און גרויל.

ביידע שווײַגן מיר טיף־נאַכטיקע בײַם ווײַן
און מײַן בעכער גליט ווען ס'פילט אים אָן זײַן האַנט.
ל ח י י ם — זאָג איך — זאָלסט לעבעדיק מיר זײַן,
אויך צו זײַן שאָטן אויף דער וואַנט...

ל ח י י ם — נאָר אָן איינציק וואָרט, כ'וויל זאָגן מער,
נאָר ביידע שווײַגן מיר בײַ דעם ווײַן פאַרטראַכט.
און איך זע, ווי אויף דעם פינטל פאַלט אַ טרער,
מיט סוד פון וועגן, טויט און נאַכט.

ב

כ'האָב קרובים דאָ אויף פּערלאַשעז,
נישט ווײַט פון קאָמונאַרן־וואַנט.
דאָרט בליט בײַ קברים אַזאַ בעז
אויף אַש געברענגט פון אושוויץ־בראַנד.

מײַן קדיש דאָ — מיט ליפּן צו,
מיט פײַער קלעם איך אײַן מײַן טרער.
דאָ זעגן איך מײַן גאַנצע רו:
אַנטלויף פון מיר און קום נישט מער.

בײַ די מצבות בלײַב איך שטאַר,
און עפּעס פרעגן וויל איך דאָרט:
צי קענסטו, טויטער קאָמונאַר,
אויך זייער טויט — דעם גאַזנמאָרד?

דאָס פײַער ברענט, דאָס אַש זיך שיט
און וועקן וויל איך מת נאָך מת.
אויף אַלע קברים ברענט דער צוויט
פון יענעם אַש, פון שוואַרצן בעז.

צו בען

א

ביי דיין ווארשטאַט אין גראָען ווינקל,
האָט מיך אַ מלכות-בלאָ געפאַנגען.
אַ פאַלעטרע האָט ווי אַ ציטרע
צעציטערט תּפילות און געזאַנגען.

דורך סאַראַ ווייט האָט מלך דוד
זיינע סטרונעס אַדורכגעצויגן!
הויך איבער פאַריזער דעכער
זע איך שדי אין מאָלערס אויגן.

איך קוק אויף לייוונטן — עטרות
און כ'הער ווי דודס ניגון ציטערט.
מאָלער — רוף איך — קום יידיש זאָגן
תהילים הארציק אַ קאַפּיטל.

מן המצר — פון ענגשאַפט, בענקשאַפט,
און לאָמיר אויך מיט הלל לויבן.
זע, ווי איבער אַלע דעכער
ציען סטרונעס צו דיינע שויבן.

מאָלער — זאָג איך — דיין לייוונט שטראַליקט
ווי עטרות מיט ריינע טרערן.
מן המצר — זאָג למנצח
צו דודס קרוין, דעם מאָרגנשטערן.

ב

הײַנט שמועס איך װאָרעם מיט דײַנע פֿאַרבן,
מיט אַ ייִדיש־הײמיש־אָבותדיקע שפּראַך;
מיט פֿליסטער פֿון חדרישן סװאָרבע
און מיט בליץ פֿון אױפֿגעפֿײַערטן תּנ״ך.

אַהער, אַזש ביז מאָנמאַרט — דער מהלך,
אַ לאַנגע קײט פֿון אָבֿות און ינוקאָס;
קינד בײַ זקן, און בײדע פֿירט אַ מלאך,
מיט שטאָק און פֿליגל שװעבן זײ און סטוקען.

לך לך! — און זײ גײען, העלע גײַסטער —
אַ גאַנצע װעלט מיט שײנקײטן צו אַרבן.
און אַלע זאָגן שירה מיט דיר, מײַסטער,
װײַל שטיל און הײליק רעדן דײַנע פֿאַרבן.

ג

אַט בלאָען פידלען אויף די באַווייַנטע ברעגן,
אַט ציִען פעלדלײַט דעם שלעפּטוך פון דער זריעה.
און אַלץ ביסט דו — פול מיט צײַטן אין איין רגע,
פול מיט פאַרבן — די פאַלעטרע פון דײַן וויִע.

אַט פּאַטשן טײַכן מיט לויב די פרייד פון זיגן,
אַט זינגט אַ שוועלבל אויף די קאַשמאַרנע דעכער.
און איעדער ריר פון פענדזל איז אַ ניגון,
וואָס גייט אויף אין זײַן עכאָ — אויב נישט העכער.

יאָרלעס אויף אַש

יידישע ווערטער

פאַר יעקב גלאַטשטיין

אַזאַ הונגער צו יידישע ווערטער,
צו זינגען בדממה יידישע ווערטער.
אַזאַ קילונג און שטילונג אין זיי,
כאָטש זיי אַליין — פלאַם און געשריי.
ס׳קאָן גאָרנישט פאַרבײַטן די יידישע ווערטער —
בלוט אינעם הארץ און פײַער אין שאַרבן.
די יידישע ווערטער
פון מײַן היים די צעשטערטע —
זיי וועלן נישט שטאַרבן.

עס זמרט מײַן טאַטע אין טויטקייט זײַן נצח,
עס שעפּטשעט מײַן מאַמע און בעט זיך און בעט זיך
פון ווײַטע, פאַרשנייטע, פאַראשיקטע ערטער,
אַז איך זאָל אַ שעפּטש פון איר תפילה דאַ אַרבן.
פון איר קבר אַרויס בעטן יידישע ווערטער:
לאָז אונדז נישט שטאַרבן!

ווי?

איך פרעג בײַ זיך און אַנדערע:
דײַן לאַנדן ווי באַוואַנדערן
מיט סוד פון ווײַטן און פון צײַטן?

ווי היטן און דערהיטן
פון זיי, די פאַרלענדטע און פאַרלוירענע,
זייער בעטן און זייער מאָנען
מיט לעצטן שווידער־קראַמף פון פּנים?

וואָס ענטפערן די נײַ־געבוירענע?
איך זוך אויף זייערע פּנימער,
און זע, ווי איך בלײַב שטיין
פאַר די קינבאַקן פון שטיין,
וואָס ווייסן נישט פון אבותם שמייכל
און גרויליקן געוויין.

צו אַ יאָדלע

מיט לאַנגע גרינע נאָדלען
ציסטו די פעדעמער לבנה
צו מײַנע צוקנדיקע ברעמען.
ווידער קומסטו מיר דערמאָנען
די ווײַסע לאַנען,
דעם נישט־פאַראַנען
מיט די שטראַלנדיקע נעמען.

דו וויגסט דײַן קרוין —
אַ וועווריקל אַ רויטס מיט סאָלאָווייען,
און רופסט מיך, ווי אַ מאָל אַ יינגל —
זיך קאָלערן אין שנייען.

וואָס ווילסטו, יאָדלע?
ווי באַוועבן
די קריעה פון מײַן לעבן?

דײַנע שטעכלען אויף מײַן פּנים —
זע, ווי טיף אַרײַנגעשניטן.
שיטסט מיט שנייעלעך מיליאָנען,
ווען ווילסטו נאָך פאַרשיטן?

ווען דו וויגסט זיך, שיינע יאָדלע,
זע איך וואָרצלען — קברים שיכטן...
אָ, לאָז מיך קושן דײַנע נאָדלען,
כאָטש וועסט מײַן קריעה נישט פאַרריכטן.

דו, פרעמדע לבנה

ווידער קומסטו צו מײַנע שויבן,
ווי אַ זילבערטאַץ פאַרשפּרייט מיט טרויבן.
נאָר איך — צו פרײדן פרעמד,
פאַרקלאַמער מײַנע הענט
און טרײַב דעם חלום און די דרעמלען.

מײַן זכרון ברענט
און יאָרצײַט־קנויטן אין מײַנע אויגן פלעמלען.

איך בין און בלײַב אַ יתום־קינד,
אײַנגעוויגט אויף טויטן אָרעם;
צו קאַלטע ליכטער בלינד,
מיט דײַנע זילבערם אָרעם.

גיסט אַ פינקל אויף די שויבן,
אַ שימער מיט די אײדעלע גראַווירן.
נאָר איך — איך שווידער,
איך זע נאָר בלוטנדיקע שפּורן.

כמאָרעם לויפן פון די שוואַרצע הענט,
און אויף דײַן זילבער — סילועטן.

אויף מײַנע רײַזעס

אויף מײַנע רײַזעס האָבן שיפֿן
אין מיט ים זיך פֿאַרהאַלטן,
געזוכט אין די בלאָע טיפֿן
פֿאַרלוירענע געשטאַלטן.

אויף מײַנע רײַזעס האָבן באַנען
דערציילט מיט רויטע פֿונקען
פֿון אַ רויך און שוואַרצע פֿלאַמען,
ווי אַ וועלט האָט פֿאַרזונקען.

און פֿייגל זענען נאָכגעפֿלויגן
— אויף ברעגן און אויף ימען
אַש און פֿײַער אין די אויגן,
ווי בײַ מײַן טויטע מאַמע.

און ווען איך האָב דערזען אין האַרלעם *
— די פּורפּורנע טוליפּן
בין איך צו זיי צוגעפֿאַלן
מיט קדיש אויף די ליפּן.

* האַרלעם — אין האָלאַנד.

דער טראָפּן בלוט פון בריזש

די מאַדאָנע און דער כּומר — ביידע דערציילן,
אַז דאָ אין בריזש, אין אירע אַלטע היילן, —
דאָס לעצטע שפּענדעלע פון צלם,
מיט שטאַרקסטער ווונד פון רויטסטע פליישן,
דאָס לעצטע פּינטל בלוט פון ישון.

דער כּומר זאָגט, אַז האָבן האָט ער
אַ שפּענדעלע פון קרייץ גאַלגאָטער, —
אַדורכגעוואָנדערט וועגן אַלע
ביז קיין ברייזש אין קאַטעדראַלע.

שטיי איך אויף דער שוועל דערשראָקן
און איך הער די גלאָקן...

זאָגט דער כּומר: ווייל דײַן קומען,
קום און הער, ווי טויבן ברומען,
אַלע מורמלען צו זײַן נאָמען,
קום אויך דו און זאָג אויך אָמן...

שטיי איך פאַר דער קאַטעדראַלע,
בראַנד און נעפּל מיך צעפּרעסן.
זאָג איך, שטום איך:
מאַלע, מאַלע,
אפשר נסים קאָנען נסן,

נאָר איך, נאָר איך —
אַ ווײ, גאָלגאָטאַ,
קיין מאָל האָב איך נישט פאַרגעסן...

קלינגען גלעקער צו זײַן נאָמען,
ברומען טויבן ליב און פרידן.
איך גיי ווײַטער,
אין מיר שײַטערט
און אַלע טײַכן אין מיר שטראָמען
און אַלע בלוטן אין מיר זידן.

שאָטנס בײַם קאָרקאָוואַדאָ*

א

א י ן ד ו פ ט פ ו ן ו ו י נ ט

טיף־האַרבסט אין ריִאָ,
באַלד קומט דער ווינטער און פרילינג אויך אַוודאי,
נאָר דאָך, דער האַרבסט איז פריִער,
דער אומרו — אָן א שיִער:
וואָס מיט דײַנע טורעמער, שטאָט בײַם קאָרקאָוואַדאָ?

אַזוי שטיל דײַן ים
און בערג אַרום — די בלאָע מלכותן באַהיטן.
נאָר איך — איך זע שוים און פלאַם,
ביידע פלייצן זיי בײַזאַם,
און דו, שטאָט, מיט דײַן גאָלדשפּיל — צווישן זיי אין מיטן.

טיף־האַרבסט אין ריִאָ,
אַ שוואַרצע רויז שפּאַרט אַרויס פון די לאַבירינטן.
די דופטן שיקט זי פריִער,
און נאָך דעם פאַלט איר זריעה —
אַ צווייט פון סם אין די דזשונגלדיקע ווינטן.

* אַ באַרג איבער ריאָ־דע־זשאַניירא.

ב

דער טאַנץ

ביַי־יאַ־הי, ביַי־יאַ־היי — אַ ווילד פויגלשער ריטש,
און אַ שלייער שוואַרץ־רויט, ווי אַ שנאָבל אין בלוט.
אַט שפּאַנט זי אַרויס, און סאַראַ פריַיכיקע היץ
גיט יעדן אַ שלאָג, ווי אַ צעפּיַיערטע רוט.

נעם ליבע, נעם שרעק, עס רעדט דער דזשונגלשער טאַנץ
מיט אַ טופּיקן טראָט, הער — טורעמער פאַלן.
זי גיט צאָרניק אַ וויג איר שלאַנק־שלאַנגישן האַלדז
און ביטערם זידט אויף אין די פולע באָקאַלן.

ס'ווערט אַלץ ווילדער דער טאַנץ, און די קריַיזן פון רויך —
מיט דומפּיקן אויסשפּרייט — אַלץ שווערער און גרעסער.
און זי אינעם רויך — מיט איר באַצירונגטן בויך —
זי פּאַכעט און מיניעט מיט פאַקל און מעסער.

פאַרענדערט דאָס ליכט, ס'ווערן די ראָזן סם־גרין,
ווי סאָקן פון ווילדוואַלד אין דזשונגלשע קנוילן.
הער, טורעמער פאַלן, ס'ווערט די רו אַ רויִן
און עס שפּריַיזן פון באַרג סקעלעטן און גרוילן.

פאַר זיי צעפּראַלן לאָקייען די טירן:
גוט־נאַכט איַיך, רויב־נאַכט איַיך, סאַלוט, מאַסקאַראַדע!
און דער ערשטער דערשרעקט זיך גאָט פאַר זיַין צירונג,
בייז ריַיסט די שטערן דער קאָרקאָוואַדאָ...

ג

די גאָלדענע קאַטש

אַט זונט ווי אַ קאַטש אַ גאָלדענע,
ריִאָס אוצר הוידעט זיך און שאָקלט.
זכיות גרויסע, נײַ־געמאָלדענע,
מען צעווינטלט זיי אויף אַלע גלאָקן.

דער קאַרנאַוואַל מאַכט אַ וואָרע איר,
פֿאַר דער גאָלדן־קאַטש די טײַערע.
נאָר איך גאָר זע, ס'פֿירט אַ כמאַרע איר
גלײַך אַרײַן אין די שוואַרצע פֿײַערן.

איך הער אין שאָל דעם לעצטן גאָלדנקלאַנג,
אין מיט פֿון קאַרנאַוואַל — זונפֿאַרגאַנג,
און איך כאַפּ דעם קלומעק: גיכער, שפּאַן!

די קאַטש בלײַבט ליידיק, ווי נאָך אַ מת,
דעם גייער באַגלייט אַ פֿאַרטוגעז —
אַ ווײַט־ווײַט אייניקל פֿון אַ מאַראַן.

אין מאָזעסוויל

און ער וויל נישט...
די רינדער זייַנע רוען אויפֿן פֿעלד,
די קינדער זייַנע — אין געצעלט,
זייַן נחלה — גרין און גלייַך.
און וואָס, אַז פֿידלען וויינען אויף די ווערבעס
ביי אַ טייַך?

און ער וויל נישט...
די קלויזן אינעם ווילדגראָז פּוסטן,
ווי זיידעלעך פֿאַרשלאָפֿטע,
און אויפֿן פֿאַרמעט פֿון דעם וואָלקן
לייען איך מפֿטיר...

יאָ, אַ מאָל, אַ מאָל האָט געברענט אַ סנה,
און איצט — די קלויזן פּוסטן.
אַש — דער סנה,
ווו זענען זיי, די נייַע קוסטן?
ווו דייַן לולב און דייַן אתרוג?
ווו דער יין המשומר?
ווו איז, ערד, דייַן פֿרילינג?
ווו איז, ערד, דייַן זומער?

דו גרויסער ווילן,
דו לאָזט נאָר עפּעס.
ווי קליין דער ישוב
אויף די ברייטע סטעפּעס...
און פֿאַר וואָס בין איך אומעטיק אין יום־טוב?

אַן אַלטער מאַן שטייט דאָ אַליין בײַם ראַג,
און ער געדענקט אַ גרויסן טאָג
פון זײַן גענאַד, הנדיב הירש,
מיט ברויט ווי מן, מיט ווײַן פון הירזש...
דער אַלטער מאַן — אַ מאָנומענט,
אַ קראָ כאַפּט זשאַרנעס פון זײַנע הענט.

ס'איז יום־טוב דאָ,
איך טרינק מיט די אַלטע ייִדן ווײַן,
איך בענטש די ערד, וואָס האָט געזאָלט אַ מיקדש זײַן...
און פאַר וואָס בין איך אומעטיק אין יום־טוב?

מײַן טאַטנס הויז

מײַן טאַטנס הויז ברענט אין נעפּל,
ווי רויטער גלאָז,
דורכזיכטיק און וווּנדיק ליכטיק,
און אַלץ אַרום — איז רו,
און אַלץ איז דאָרטן צו
מיט שלעסער שווער־געוויכטיק.
קיינער נישט אַרײַן און קיינער נישט אַרויס
אין טאַטנס הויז
און עס פירן נישט אַהין קיין וועגן.
שוואַרצע פייגל פליִען
און שווערע כמאַרעס ציִען
אָן אַ רעגן.
נאָר איינע דאָרט, אַ טויב —
זי פליט פון שויב צו שויב
און קלאַפּט מיט ווײַסע פליגל:
פּיק־פּיק אויף רויטן גלאָז,
טוק־טוק אויף שוואַרצן שלאָס —
זי וויל אויפרײַסן דעם זיגל.
און איבער אַלע וועלטן הילכט
און איבער אַלע וועלטן מילכט
דער ווײַסער פלאַטער פון דער טויב.

און דאָרט, אויף דער שויב,
ווו עס שפּיגלט זיך די טויטע שטאָט,
טריפט די גרויסע טרער פון יתום — גאָט.

אין ווייַרויך

„ווער איז די וואָס גייט אויף פונעם מידבר
אַזוי ווי זײַלן פון רויך
באַרייכערט מיט מירע און ווייַרויך ?"

שיר השירים ג׳

דאָס בין איך, בײַם סוף פון געוויין,
איך בין שוואַרץ, איך בין שיין,
מיך נעמען די פלאַמען אַרום
און איך רוף צו דיר: קום!

פאַר דיר, ליבסטער, פאַר דיר
שוועב איך אין פײַער און פריר.
צו דיר, ליבסטער, צו דיר
רײַס איך דעם דיל און די טיר.

דער וועג איז פאַרשטעלט
און באַלד בין איך אַש
צעשפּרייט אויפן פעלד.

דאָס בין איך דאָרטן הויך
מיט מירע און ווייַרויך
אין די זײַלן פון רויך.
איך בין שוואַרץ, איך בין שיין
אין די אָרעמס פון טויט,
בײַם סוף פון געוויין.

זאָלן ברענען די ליכט

ווי שניי שמעלצט דער חלב אַצינד
און רויט איז די קנויט, ווי אַ צעריסענער אָדער.
און שאָטנס אַרום אין דעם כמאַריקן ווינט
פון וואַלדיקן קנאָדער.

ווי אַראָפּלאָזן ברעמען?
פאַרשטעלן זײַן פּנים ווער פּרוּווט?
אָט גייען אַראָפּ פון די ליכט טויזנטער נעמען
און ס׳ווערט יעדער נאָמען אַ גוף.

זאָלן ברענען די ליכט,
זאָלן הערצער באַרירן דאָס פײַער.
לאָמיר זוכן אויף זיי
די וואָס זענען אונדז טײַער.

ווען דאָס פלעמל ווערט דינער,
ווען דאָס קנייטל נעמט צאַפּלען —
זאָל פליִיצן דאָס פײַער אויף קאַלטע שוואַרצאַפּלען,
און מיט טרערן — אַ בלוטיקער רעגן —
בײַ די ליכט לאָמיר פרעגן:
וווּ טאַטע און מאַמע, וווּ תּפילה און תּחינה?
וווּ איז די אַלטע מיטן טיכל פון שטערן
און מיט פּערל פון טרערן
איבער דער צאינה־וראינה?

און נאָך אַ מאָל ווידער —
די ליכט זאָלן ברענען!
ווו שוועסטער און ברידער,
מיט פענער און לידער —
די מיידלעך, די ייִנגלעך,
די בלימלעך און רינגלעך —
צירונגען אַלע פון פאָלק אונדזער אַלטן,
ווער האָט זיי אין אַש ן באַהאַלטן?

עס שמעלצן די ליכט, און מיר
מיט אָפענע הערצער אַקעגן —
מיר וועלן נישט אויפהערן פרעגן
אויף די ציטריקע שטערן פון תּפילה־פאַרטאָגן —
זאָלן די ליכטלעך עס זאָגן:
ווו איז דער ייִד מיט שטריק און מיט גאַרטל,
מיט ידיים די האַרטע און פּנים דאָס צאַרטע,
פּרי, פרי, אין שטילסטער פון שעהן,
ווען הימלען און שנייען צוזאַמען נאָך בלאָען...
ווו איז זײַן שחרית?
ווער וועט זאָגן דער וועלט: מ ה ט ו ב ו — פרימאָרגן?

וואָס זאָגן די ליכטלעך אין צאַנקען?
שוין ביטער די שנייִיקע בלאָע געטראַנקען.
נישטאָ שוין דער שחרית־פרימאָרגן.
נישטאָ דער מתפלל, מה טובו — דערוואָרגן.
עס צאַנקען די ליכט,
אויף קנויטן די הויטן ווי פאַרמעטן ברענען.

לײַבער דערינען און תּפֿילות דערינען.
און מיר, אַקעגן די ליכט, מיט טרערן ווי מאַרמאָר,
זײ קאָנען נישט רינען.

דער חלב נאָר טריפֿט בלוטיק און טיף.
דאָס פֿלעמל נאָר פֿיבערט, ווי לײַבער אין גריבער.

זאָלן ברענען די ליכט נאָך הייסער און ליבער,
און מיט אַלע שאָטנס אַרום,
ווי אין אַ נאַכטיק־פֿאַרקנאָדערטן וואַלד —
לאָמיר ברומען דעם בייזסטן געברום.
און שאַרף, ווי אַ האַק ווען זי שפּאַלט,
זאָל שנײַדן דאָס שאַרפֿע געשריי,
איצט, ווען דער פֿלאַם זידט אין חלב,
ווי דאָס בלוט אין געפּרווירענעם שניי.

זאָלן ברענען די ליכט!

אַ תּפילה פון דער פוסטער ערד

דו אַליין דאָרט, וועלטן־ריז,
איז דיר נישט ווי־און־וויסט?
ביסט איין־אַליין
און ווו דײַן טראָן געשטעלט?
אַריבער דעם געוויין
פון אַ פוסטער וועלט.

זע די ערד,
קיין מאַמע וויגט נישט איצט אַ קינד,
נישטאָ קיין בוים אין וועג פון ווינט
און נישט קיין שאָרך און נישט קיין בליק,
תּוהו — אַלץ צוריק.
ווי קאָנסטו, וועלטן־ריז,
נאָר מיט דײַן שאָטן בײַ די פיס?

זע די ערד,
נאָר אַש און קברים.
ווי ביסטו אָרעם!
איז דאָס דײַן מי?
גיכער, זאָג יהי!

דעם פעלד — צוריק זײַן גראָז און רויז,
צוריק — אַ שאָטן פון אַ הויז,
און וועק די זון, קער אום איר שײַן,
אַז ליכט זאָל זײַן —
בראשית, אין דער פרי.
זאָג יהי!

אייביק ביסטו, שטערן

אייביק ביסטו, שטערן, אייביק שיין —
אויך דורך כמאַרעס איבער שוואַרצן וואַלד.
זאָגסט מיט ווונקען צו דײַן נישט-פאַרגיין,
אַז וועסט אויך קיין מאָל נישט ווערן אַלט.

איבער בלוט און פײַער, אַש און ווינט —
בלײַבסטו אַליין אומבאַרירט און ריין.
דערמאָנסט דער וועלט אין אומשולדיק קינד
און מאָנסט זײַן צעשמעטערטן געביין.

אייביק ביסטו, שטערן, אייביק שיין.
ביסט אויך דער צייכן פון גאָטס פאַרדראָס.
און יעדן פאַרטאָג ביסטו אַליין
צו אַ נײַעם טאָג — אַ נײַער אות.

ווײַטע קוואַלן

זונען, פלאַמען, רויטע זונען —
עס לײַכט דורך מינדסטן גליד אין מיר.
ווײַטע קוואַלן אין מײַן ברונעם,
זיי שטראָמען מאַמעדיק דורך מיר.

כ'בין אַזוי ווי כ'בין געקומען —
מיט שאָרך פון אַלטן זײַד און פּליוש.
אין מיר זינגען, אין מיר ברומען
אי די טרערן, אי דער קוש.

כ'האָב זיי אַלע היים באַהאַלטן,
טיף אין מײַן שווערסטן, שאַרפסטן רים,
צו אַ ליבשאַפט, נײַ-געהאָפטער,
אין שלעכטן דור פון שטאָך און בים.

קוש און טרערן וועל איך ווײַטער
היטן, היטן ביז כ'וועל נישט זײַן;
ביז מײַן דור פאַרלעשט דעם שײַטער
און מענטש איז ווידער ווערט זײַן שם.

סוף פון לאַנד

סוד פון לאַנד

דײַן סוד ווייס נאָר אָט דער,
וואָס טיף אין זײַן געהער
דער ים מיט מידבר שפּילט;

ווער ס׳האָט אין מידברס גראָ
מיט טיפסטן חלום־בלאָ
זיך טליתדיק פאַרהילט,

און האָט אויף וועג־נישט־וועג
דערלייטערט זײַנע טעג
צו יעקבֿס שטערנטראָט,

און פאַסן אַקערלאַנד
פאַרוויקלט אויף זײַן האַנט
מיט רצוֹעות פון געבאָט.

דער ווייס, דעם איז באַקאַנט
פון לאַנד דער טיפער סוד.

גראָע שטיינדלעך

מײַן לאַנדס פֿאַרבערענטע שטעגן
אין ווירבלדריי געשלענגלט,
מיט בענקשאַפֿט צו אַ רעגן,
מיט גראָזן געל פֿאַרוויענגלט —

אויף אײַך ברענט אויך מײַן תּפֿילה,
מיט אײַך גאַרט אויך מײַן שירה
צו ברונעמער די שטילע,
ווו שטיינדלעך סודיק פֿירן.

אָ, קליינע גראָע שטיינדלעך,
אויף זײַטוועג אָפּגעוואָרפֿן —
מיט אײַך איז מיר דאָ היימלעך
צו פֿעלדן און צו דאָרפֿן.

איך האָב נאָך נישט געפֿונען
אין וועלט פֿון וווּקס און טענער,
נישט ניגון און נישט בלומען
פֿאַר גראָע שטיינדלעך שענער.

און מיר זאָל זײַן באַשערט דאָ
צו אײַער סוד דערגרייכן,
ווי איר צו זײַן אויף ערד דאָ
צו ברונעמער אַ צייכן.

הייסע ערד

די היגלען — רונדיק,
דורכגעפליאַמעט ווונדיק,
און אַ יונגער וואַלד מיט צאַרטע שאָטנס
זיי באַהאָריקט.

הײַנט בליסטו, ערד, און אָטעמסט
מיט פרילינג און מיט בתולהשאַפט אײנאַנדער.
איך זע דיך צײַטיק־יאָריק, נאַקעט־וואָריק,
ווי שמייכלסט צו די ראָזן פון אָלעאַנדער.
רחבותדיקע לאַנען — דײַנע לענדן,
בייטן זאַפטיקע — די ריפּן,
און עס ברענט דער פרילינגדיקער מאָן
אויף דײַנע מאָנענדיקע ליפּן.

הײַנט בין איך דײַן כאַמסיניק חתן־יינגל —
דיך באַגערן, דיר געהערן.
פונעם רויטן זונראָד נעם איך אַ רינגל,
דיך צו קנסן, ערד, מײַן שטערן.

עס בליט אין טאָל, עס גליט דער היגל
און באַלד לבנהוועט אַרוים גאָטס זילבערשפּיגל —
ליכט זאָל זײַן!
ער וויל אונדז זען צוזאַמען,
ווי מיר טרינקען פון כאַמסין זײַן ווײַן —
אַ בעכער פלאַמען.

סינייִשער ציטער

אַריבער די נאַקעטע דיונעס
נאָך ציטערן סטרונעס
פון היימישן חומשן אויפגלי.

סינייִשער ציטער
אין אויג פון מײַן טאַטן
אַריבער אַ ליכטל.
איך זוך אים נאָך איצט
אויף די ס נ ה ־ י ש ע דערנער.

פון איבער די בערג,
איבער קאַנוועס געשיכטע,
נאָך פינקלען צוויי שטראַליקע הערנער...

סינייִשער ציטער,
און ער — דער געביטער
מיט באַרג אויפגעהויבן.

וויפל יאָרן נאָך גיין פון מידבר צו מידבר
און זוכן אויף דיונעס פאַרלוירענעם גלויבן?

ווי דײַנע בערג, אילת

ווי דײַנע בערג, אילת,
וועל איך אויסשווײַגן מײַן ליד
מיט קופּער אין שטיין,
קאָראַלן אין געשליים
און מיט בשׂורהדיק געמיט,
וואָס פֿינקלט טיף געהיים.

כ'וועל שווײַגן ווי דאָס קינד,
וואָס שפּילט זיך מיטן ים־סוף
און ווײס אַליין נישט, וויפֿל מלכות־בלאָ
אויף זײַן שוואַרץ־קודלאַטן קאָפּ.

פֿון דײַנע בערג, אילת, קרוינט איצט די זון אַראָפּ
אויף שוואַרצע לאָקן פֿון דעם קינד,
און שלמה רופֿט: מײַן פּרינץ! מײַן פּרינץ!
איך זע אין שטוין די פֿײַערקרוין
און אָט שוין ווינקט דער זילבעררינג,
אַ לבנה רונד אויף ים־סופֿס ברייט
און יעדע כוואַליע ברומט מיט פֿרייד.

ווי דײַנע בערג, אילת,
און ווי דײַן פּרינציק קינד
וועל איך אין שווײַגעניש אַצינד
אײַנהילן מײַן ליד,
מיט קופּער אין שטיין,
קאָראַלן אין געשליים
און בשׂורה אין געמיט.

לאָז איבער אַ טרער אין דעם מידבר

דו, וואָס קומסט פון די טאָליקע גרינען,
פאַרשווער נישט די וויסטקייט
און וואַרף נישט דעם מידבר די פלוכן פון שאַנד.
הייב אויף דײַנע אויגן איבער דעם נחל פון פאָרן
און זע זיי, די פלאַמיקע גאָרנס,
די מצבות פון יאָרן —
די בלומיקע בערג אויפן ראַנד.

דאָס זענען די בלומען פון מידבר
די בערג — רעגן־בויגיק,
יעדער שטיין — טויזנטאויגיק.
דאָס פינקלען די שטיינער
מיט אַשן און ביינער
נאָך וועלטס זינקערײַען;
בערגער נאָך בערגער — ווולקאַנען־לוויות.
דאָ האָבן זיך פעלדער צעריסן,
דאָ האָבן זיך הערצער צעבראָכן,
דאָ האָבן זיך בערגער פאַרביסן —
די שפּיצן פאַרשטאָכן
אין געטלעכע פליישן
און עס רינט נאָך גאָטס בלוט פון די בערג
צו טיפע מכשפים.

דו, וואָס קומסט פון די טאָליקע גרינען,
פאַרליבט אין געציטער פון זאַנגלען —
זע די געראַנגלען,

דאָ, אינעם מידבר, ווו קיינער, ווו קיינער
האָט נאָך זײַן ברויט פון דער ערד נישט געשניטן:
דער זוניקער פלאַם, ווי אַ צונג, אין דער מיטן,
און שטיינער אויף שטיינער, ווי ציינער אויף ציינער —
זיי קײַען דאָס צער־ברויט פון וועלטס זינקערײַען.

אויך דו — פּרוּוו דעם צער צעקײַען,
דעם ווייטיק פון ערדן, צער פון עקרה
אין בראַנדקלעם פון יאָרן.

און איידער דו זעגנסט דעם מידבר —
לאָז איבער אַ טרער
אין זאַמדיקן בעקן פון נחל פּאָרן.

אַ מתנה פון תמנע

פאַר זלמן שזר

אַ שפּליטער פון בערג, מיט גאָלדונג פון קופּער,
ברענג איך פון מידבר פאַר דיר אַ מתנה.
עס פינקלט אַ רינגל, פינקלט צו חופּה,
צו שימחות נייַע פון אוצרות לאַנגאָנען.

כ'האָב עס געפונען אין גרובן פון שלמה,
בייַ אָדלערשן פעלדז אין מידבר פון תמנע.
עס פינקלט מיט צייַטן, טרערן און טרוימען.
זאָל עס אויך קלינגען מיט שאַליקע הימנען.

שירים און זמירות פון אַלע שבתים
אין אָט דעם שפּליטער, אין קופּער-געפינקל.
כ'האָב עס מיט טרערן פון שבת באַגאָסן
און מיט ציטער געהיים באַהאַלטן אין ווינקל.

ווי ס'האָט מייַן מאַמע, עליה השלום,
איר צירונג הינטער דעם שלייער באַהאַלטן,
אַזוי איז מייַן טרער און אַזוי איז מייַן חלום —
אין שטילקייט צו היטן, הייליק צו האַלטן.

אויב וועסט ווען אַ מאָל אין מידבר דאָרט קומען —
גיי אין די בערגער פון תמנע צו הערן,
ווי צווישן צוויי פעלדזן זמרדיק ברומען
שבת-חלומות אין בעכער פון טרערן.

שירים און זמירות און ליכט אין די שויבן —
אַלץ פינקלט און רינגלט אין שטיינדל פון תּמנע.
דאָס סודיקע שטיינדל — לאָמיר עס לויבן,
זאָל עס אויך קלינגען מיט שאַליקע הימנען.

כ׳האָב אַט דאָס שטיינדל פאַר דיר אויפגעהויבן
און כ׳טראָג עס אַצינדער דורך בערג און דורך טאָלן.
אַ שפּליטער פון תּמנעס קופּערנע שטויבן
מיט גאָלדענעם גלאַנץ פון ווײַטע אַמאָלן...

ברודער איילבערט

ווי דו — אויף זײַטוועג, איין־אַליין־ניק,
אין וויסטעניײַענס סאַמע מיטן —
אין ערד פֿאַרפֿאַנצערט קופּער־צייניק,
דאָס ביסל דאַרע וואָרצלען היטן,
ביז אונדזער ברודערשאַפֿט פֿאַראייניקט
דעם בלענד פֿון שטערן און פֿון צוויטן.

ווי דו — אין ווײַטע מידבר־העקן,
דורך אַלע פֿײַערן און גליִען —
דעם מאָרגן־שטערן אויסצושטרעקן
אַ נײַעם בלאַט מיטן שאַריִען,
נאָך איידער טאָג וועט זיך אַנטפּלעקן,
גאַנץ און אָפֿן אין פֿולן פּריִען.

כ׳זאָג עס, ברודער, צו וואָרצלען דײַנע,
מײַן ליפּ, דײַן שטאַם — צונויפֿגעפּרעסטע.
איך זינג צום טיף פֿון דײַנע פּײַנען —
דו, איילבערטבוים, אָן קוואַל און נעסטער.
נאָך וועלן לידער דיך באַשײַנען,
ווײַל ביסט דער ווײַטסטער און דער לעצטער.

האָסט נישט אַ צ י נ ד ע ר — האָסטו יאָרן, —
דו, אַלטער בוים, פֿון אַלע יינגער;
דו, אָרעמאַן, דו רײַכסטער שׂררה —
איצט האַלדזט דײַן שטאַם אַ ברודער־זינגער.
מיט טרערן־דימענט אויף דײַן קאָרע
פֿאַרגליִען ליבשאַפֿט מײַנע פֿינגער.

אין דײַנע אַלטע געסלעך

מײַן שׂמחה האָסטו נישט באַנומען און געפרעגט:
זעסטו נישט? ווי פאַרמעט בין איך אַלט
און מיט אַש באַדעקט.

דו האָסט געמיינט, איך וועל אַוועק,
נאָר אין ירושלים האָט געשעהט
מיט נײַע טעג;

פון מאָך האָט זי געהויבן
בשׂורות בײַ דײַן שוועל;
געאָטעמט אויף די אַשן,
געפינקלט אויף די שויבן:
נאָך בין איך און איך וועל!
נישט פאַרזאַם, קום מיט! —
אין די אַלטע געסלעך האָט געהילכט
אַ האַמער אויף גראַניט.

און די בערגער — אין שאַרִיען,
פון אַלע פאַרמעטן — איין פורפורדיק געוואַנט,
און אַזוי פיל פעדעמער זיך ציִען
צו דײַן האַנט:
ברענג נאָך אַ פאָדעם צו פאַרשפינען
אין די קריעָהם פון אונדזער קלייד...

האָב איך אין באַגינען
דיך באַווײַניקט מיט אַ פרייד.

צום מילך־ייִד

ווי מרגל פאַרשטעלטער
איז אין שטאָט הײַנט דערגאַנגען
אַ משולח פון פעלדער,
אָט דער ייִד מיט די קאַנען.

סאַראַ זילבער אין קאַנען!
ס'איז מײַן דאָרפישער רעגן.
סאַראַ ליכטיקע שפּאַנען!
איך וועל גיין אים אַקעגן.

איך וועל טרינקען כּוס־ראשון
פונעם זילבערנעם יין
מיט אַן אָטעם אַ פרישן,
און ס'וועט מיר נישט סטײַען.

וועל איך טרינקען כּוס־שני
מיט לחיים צו סטאַדעס
אויף די לאָנקעס און פליינען
בײַ די גראָזיקע וואַדים.

און נאָך דעם, סתּם־ליאַדע,
בײַ אים וועל איך פרעגן:
אפשר קענסטו אַוודאי
דעם רב טוביה פון וועגן?...

אפשר דאָרטן געטראָפֿן
אויף די טויטע יאַרידן
דעם טוביהן פֿון האָפֿן,
דעם מ ה ט ו ב ו פֿון ייִדן?

און מיט קלאָרן בטחון,
אַז די שאלה פֿאַרשטאַנען —
וועל איך דאַנקען מיט ברכה
אָט דעם ייִד פֿון די קאַנען.

צום שטערן פון די גרענעצן

וואָס ווילן זיי, די בלינד־בערג, אָט די שינאהקע,
פון דיר, כנרת, פון דײַן חסדיקער שעה,
ווען דגניהס פּליטן, די גראָזיק־דינינקע,
אין דעם מויל פון מולד — אַזוי געמיטלעך בלאָ?

קום, דו הויכער שטערן, וואָס ווינקסט אַראָפּ צום דנאָ
און גלעטסט מיט סאַמעט די ברייטע פעלדער צאַרט, —
קום, שעפּ אָן פון כנרת אַ גוטע שעה
און זאָג, ווי צו צווייי געליבטע, אַז יעדער וואָרט...

נאָר דו, הויכער שטערן, דו ווייסט דעם וועג אַהין,
ווו פּלייטן ציטערן אין חלומען פון קינד.
קום אין די טאָלן דאָ, פון לאָנען נעם דעם גרין,
און פון דער כנרת — דעם תכלת־זים, וואָס רינט.

אַהין דערציטער דאָס ציטערן פון זאַנגען
און דעם בלאָען מורמל־סוד — סודע אין זיי אײַן.
שפּיל אַרויס פון פּליטן די שטילסטע קלאַנגען
און אַלע בלינדע בערג באַטריף מיט בלויסטן שײַן.

זאָג, אַז ס'ווילן קינדער אויפן ים זיך שפּילן
מיט מושלען, מיט ים־גראָז און מיטן גאָלד פון טאָג.
אָ, פאַרזיי, הויכער שטערן, די גרויסע תפילה
און דעם חלום פון די קינדער אַהין דערטראָג.

און ווידער פרילינג

מײַן יאָ פֿון זיך — ער שטראָמט צו אַלע;
ווידער פרילינג, ווידער הייב איך אָן.
און ס׳וואַרט די ערד — מײַן כּלה,
מיט צעפּ — מאַנדלצווייט און ליפּן — מאָן.

און ווידער — צום רוף פֿון דײַן באַשטימונג;
איך באַשפּין דײַן פֿעלד און ווער פֿאַרוועבט.
פֿון דײַן צווײַג און גראָז שטײַגט מײַן הימען —
אַרויף, אַרויף, יעדער שטיין — אַ טרעפּ.

און דאָרט, הויך, אין געזאַנג נתעלה,
ווו די ליבשאַפֿט פֿעדעמט זאַנג מיט זון —
דו, פֿעלדישע, אין בלאָ-וואָלן,
נעמסט בערג אויף זיך מיט ים אַרום.

און אַלץ זאָגט אלף, פֿרילינג — ווידער,
און אַלץ רופֿט: זינג און גלייב, אַז תּמיד — —
הער איך ווי רינדער מוען לידער
און איך זע וועלטס בלײַקע נשמה.

גרינע שטראָמען

דײַן האַנט — זי דופּקט אין פּלאַנצן,
דײַן שׂימחה — אין די געבליִען.
דו ביסט אַ טײל אין דעם גאַנצן,
אין וועלטוועב — שאַפן און מיִען.

געניגט אויף קאָרע איין נאָגל
און זאָלסט אין בוימזאַפט דערפילן,
ווי גרינע שטראָמען זיך טראָגן
צו דײַנע הויטן־געהילן.

און אַזוי — מיט וואָרצלען נידער,
און אַזוי — מיט קרוין געשטיגן,
ווײַל יעדער טאָג וווּנדערט ווידער
און בראשית איז דײַן ניגון.

געזאַנגען אין שײַער

זאַנגען

אַזוי וויגן זיך די זאַנגען —
ווי פינטלען גאָלד אין ים צעשפּרייט.
אַ כוואַליע — אָפּ, אַ כוואַליע — אויף,
און שטילערהייט, ווי שניטער גייט.

אַזוי טוליען זיך די זאַנגען —
אין סוד פון הימלען אויף דער ערד,
אָנגעהאָרביקט מיט אַ בלאָקייט,
אין גרויסן שווייַגן אייַנגעהערט.

אַזוי ציִען זיך די זאַנגען —
אין גרויסן ים אַרייַנגעטויכט.
אַזוי בייגן זיך די זאַנגען
און זיי פאַרבלייַבן תּמיד הויך.

בײַם טויער פון צײַט

קלאַפּ איך אָן אין טויער פון צײַט:
מײַן זוכעניש דו,
סוד דו פון ווײַזערס און ליכטער־געבײַט,
זאָג, ווער ביסט דו?

הער איך אַ קול, ווי פון אַ ברונעם אַרויס:
איך בין אַלץ און אויך דו!
אייביק מײַן גאַנג דורך נאַכט און געלויער,
אייביק פאַרגאַנג, געוויין און באַדויער,
נאָר ווער עס צײַטיקט מיט מיר —
קומט אויך צו פרייד אין מײַן טויער.

זאָג איך: צײַט, ווי קאָן איך ווי דו?
אייביק ביסטו, און איך — ווי און ווו —
ווי קומען צו פרייד אין דײַן טויער?
אָט נעמסטו ווידער אַ רגע צו
און נאָך אַ האָר ווערט מיר גראָער.

הער איך ווידער דאָס ברונעמשע קול:
דו — צו די צײַטן —אַ יינגעלע נאָר.
און וואָס, אַז דו ווערסט אַ זקן באַלד?
וויפל יאָר האָט די זון, וויפל יאָר!
און יעדער זונפאַרגאַנג איז איין טאָג נאָר אַלט.
אויך דײַן גראָקייט — זי
איז דער בלענד און דער בלי
צווישן דײַן נאַכט און וועלטס אינדערפרי.

קלינגט אָפּ דאָס קול, דער טויער העלט
און כ׳פיל ווי עס גייט די נאַכט אין פעלד,
שטערן זאַנגלען אויף מײַנע האָר.

יאָ! ס׳איז דער סוד פון טאָג און יאָר,
אייביק אַ גאַנג דורך נאַכט און געלויער,
אייביק פאַרלאַנג פון דור צו זײַן דויער,
ביז עס צײַטיקט די צײַט
מיט געזאַנג פונעם טרויער.

אין ווײַסן צווײַט

אויף גראָזן בין איך געלעגן,
אַ טאָג אַ בלײַיקן אַקעגן —
אײַנגעהערט, ווי סאָקן שטראָמען
פון וואָרצלען דורך די שטאַמען,
און ס'האָט אין צווײַט געהעלט מײַן נאָמען
מיט אַלץ צוזאַמען.

אַ וועלט אין מײַנע אויגן!
ס'האָט גאָט געפינגערט ווײַסע צווײַגן.
מײַן ברעם האָב איך פאַרצויגן —
דאָס גרויסע ליכט אַרײַנצושווײַגן.
דעמאָלט האָט אַ שוואַרצע פויגלין
מיך דערזען אין שוים פון גראָזן.
ס'איז אַ קראָ פאַרבײַגעפלויגן:
קראַ־קראַ, קראַ־קראַ מיט אַ ירגזון.

פּאַזע מיר אָנגעהויבן שוועבן,
נענטער, נענטער, שוואַרצע קרײַזן,
נאָר איך האָב נישט קיין צוק געגעבן —
מײַן גרויסע רגע איר צו ווײַזן...
אומישנע שטאַר בין איך געלעגן,
גלײַך אַ טויטער נישט באַגראָבן.
אַ פּאָך,
אַ קראַ,
אַ שוואַרצע רגע,
זי איז צו צו מיר מיטן שנאָבל.

דעמאָלט האָב איך אַ שפּרונג געגעבן:
אַט מײַן לעבן!
גיי צו אַלדי העקן, שוואַרצע פֿייגלין!

און אַט אַזוי, מיט זון אין אויגן —
ייִנגער בין איך אויפֿגעשטאַנען,
אָפּגעשיט מיט בלײַונג ווײַסע.

אַט אַזוי — פֿרילינגדיק צו שפּאַנען
מיט געזאַנג — תּחית המתים.

מרידה

פון נאַכטלאַנד קום איך,
באַטריפט מיט די לעצטע געוויינען
אין פענט פון די וואָרצלשע פלעכטן.
איך הער נישט די נאַכט,
ווען זי באַפעלט מיר
אין נאַכטלאַנד צו קנעכטן.
פון סאַמע נידער, איך יורד —
זע, ווי איך בין מורד.

איך הילך אויף די קברימשע גאַסן
מיט ערדיקע באַסן.
דורך ווילדגראָז און מאָכן,
דורך קריעהס און בראָכן —
אַרויפצו, אַלץ העכער!
איך שרײַ דורך די דילן:
לעבן,
איין זופ פון אַ בעכער!
עס לעבט נאָך מײַן ווילן!

פרילינג, גראָז און פויגל

איך ווייס, דײַן אויג — אונטער קאַלטן שערבל
און דײַנע ליפּן ווי ליים צעשפּאָלטן,
און דאָך ציטערן דורך אַלע ערדן
פון מײַ צו דיר די בלאָען און גאָלדן.

ס'איז פרילינג, די טײַכן שימערירן,
ווינט באַגלעט די אָבלשע גענואַנטן,
און ווידער קומסטו מײַן אָרעם פירן,
איך פיל דײַן מאַרגיזעט אויף מײַן מאַנטל.

פרילינג, גראָז און פויגל, וואָרצלען וואַקסן,
אונטער וועלדער ציִען זיך די שטראָמען.
כ'זע אויך דיך, די צעפּ אויף דײַנע אַקסל —
שטייסט אויף און מעקסט אָפּ פון שטיין דײַן נאָמען...

דו זוכסט דײַן ליבשאַפט, די נישט דערלייזטע,
און גייסט אויף אין נעפּל איבער קברים.
איך הער, דו בעטסט — מיט אַ תּפילה גייסטו:
וועלט, געבויר מיך ווידער אויף דײַן אָרעם!

אַ תּפילה

אויף מײַנע עלטער־יאָרן
וואָס ווּעסטו מיר באַשערן?
איך ווייס, אַ שוואַרצן אָרון.
איך בעט: אַ קלאָרן שטערן.

און ער זאָל נישט פאַרטונקלען
נאָך צאַנק פון אַלע קנויטן.
ווען איך שוין טיף געזונקען —
זאָל ער מײַן טויטקייט טויטן.

לעגענדע

ער איז געווען גראַערהייט אַ קינד
און אויך זייער פּרי — אַ זיידע שוין.
פרום־ציטערדיק רוימט עס איַין דער ווינט
אין די גרינגע סאַמעטן פון בוים.

אמת — זאָגן שטערן צו דעם שטיין
און טאַקע אזוי — ברומט צו דער וואַלד.
אמת, אמת — זאָג אויך איך אַליין:
כ'בין געווען אַ קינד, נאָר זייער אַלט.

און כ'בין עס איצט אַזוי — כ'זאָג עס שאַ,
ס'זאָל דער סוד נישט ווערן צו באַקאַנט.
אַ קראַ לאָזט הערן איר שאַרפן קראַ
און איך היל זיך איַין אין גראָזגעוואַנט.

מיט שטיין און שטערן, מיט בוים און ווינט,
מיט אַלץ און אַלע אין זיך אַליין.
און איך הער, ווי אַ לעגענדע שפּינט
מיט בלאָע פעדעם דאָס נישטפאַרגיין.

חברים צוויי

מיין לעצטע חברשאפט — זי ווארט
אין וועלדל דאָרט, בײַם ראַנד פון דאָרף.
איך הער שוין ווי אַ וואָרצל שפּאַרט
און גריסט צו מיר מיט בלעטערשאָרך.

צוויי חברים דאָרט — בוים און שטיין —
נאָך אַלע די, וואָס כ׳האָב געהאַט.
נאָר זיי אַליין, נאָר זיי אַליין —
די איינציקע, וואָס אָן פאַרראַט.

נאָר זיי אַליין, נאָר זיי אַליין —
צוקאָפּנס מיר נאָך נע־ונד.
צו זיי, צו זיי קום איך צוגיין —
אַ חבר זײַן לעולם עד...

איך בין

ס׳איז נאַכט, איך זאָג: ס׳איז פרי!
מײַן בונד מיט וועלט פון מי —
אויף באַרג און טאָל מיט זון געזיגלט.
איך גלי אין זונענגלי,
כ׳בין שטאָל און האַמער אין דעם טיגל.

וואָס איז ווײַט? ווער איז פרעמד?
אָט שפּרייט איך אויס די הענט
דורך אַלץ, וואָס נאַכטיקט נאָך פאַרבאָרגן.
איך וואַרף אַראָפּ דעם פּענט
און אין דעם העלסטן בלענד
אָטעמט אויס מײַן האַרץ: ג ו ט - מ אָ ר ג ן.

רײַפֿער כּוס

פֿאַר זיידעשאַפֿט — פֿרייד,
טרינקט, מײַנע פֿרײַנד.
מײַן נעכטן — אַ יינגל —
קומט איצטער צום הײַנט
מיט טויזנט חלומות
אין טרערן צעשײַנט.
דאָס איז דער גאַנג
צום תּמצית פֿון זײַן,
דער טעם פֿון געטראַנק,
דאָס שטאַרקסטע אין ווײַן.

איך זאָג נישט: געווען,
מײַן באַדויער איז קאַרג.
איך טראָג נאָך די וועלט
אויף אַקסל און קאַרק.
איך קלעטער נאָך אַלץ
צו די שפּיצן פֿון באַרג.
איך זאָג: ס'איז געווען.
איז און וועט זײַן.
און אַ לויב צו דער טרויב,
ווען זי רויטלט אין ווײַן.

אין לבנהש פעלד

ס'איז וווּנדער פון ערשטן דערוואַך
און כ'ווייס נישט ווו דמיון און וואָר,
אין לבנהש פעלד שטייט די נאַכט —
אַ זיידע מיט זילבערנע האָר.
איך בייג זיך צו אים נענטער צו,
די שטילקייט — אַ ניגון אַזאַ!
די זאַנגען זיך וויגן ליו־ליו,
די ווייַטן זיך ווינטלען שאַ־שאַ.

ס'איז ניגון אין ווינט, הער זיך איַין
ווי אין אַלץ, אַרום און אַרום —
אַ זיידעשער סוד איז אַרייַן
מיט פרומען טויביקן ברום.
אָט דאָס איז די תּפילהקע שפּראַך
פון זיידעשע בערד אונטער ערד.
אין וואַקסן מיט וואָרצלען אַ סך —
זיי ווילן איצט ווערן דערהערט.

אויך די שטערן — ס'ווילן אויך זיי,
ווען דער טאָג אַקעגן שוין קומט,
צו פאַלן, ווי זאַלציקער שפּריי,
אויפן ברויט פון זוניקן רונד.
אויך איך, מיט שאַ־שאַ, ליו־ליו־ליו,
ווען זאַנגען באַרירן מיַין שוועל —
מיט תּפילהקער שפּראַך זאָג איך צו:
איך גלייב, איך וויל און איך וועל.

אין מײַן רומל

א

נישט אוצרות און רומען
טראָג איך אין מײַן רומל,
נאָר שטויבן, די וואַרעמע שטויבן
אויף דאָרפּישע שויבן
פון זון דורכגענומען.
מיט זיי וועל איך קומען.

דאָס איז מ ײַ נ ס, פון קיינעם געליִען;
דאָס איז ה י י ם, ווײַט פון יאַרידן.
אירע שטויבן — מײַן מי אויסצומיִען,
איר וואַרעם — מײַן ליד אויסצולידן.

ב

פון מערב — די ימיקע הימלען מיט פּורפּורנעם פײַער,
אין מיזרח — געבערגן מיט זילבערנע קרוינען.
אין מיטן — מײַן שטעגל פאַרטײַעט און טײַער
מיט ערדישע ברידער בײַם שײַער פון טרוימען.

זאַנגען אין שײַער און געזאַנגען אין שײַער,
און זריעות פאַרטרערטע און שניטן צעהעלטע.
און יאָרן דאָ גראָזן יינגער און נײַער
פון פאַרטײַעטן שטעגל צו רחבות פון וועלטן.

ג

און אַז וועסט קומען מיך רופן
צום לאַנד פון אָן־גופים —
וועסטו מיך געפינען
בײַם שײַער פון טרוימען,
מיט פורפור פון ימיקע הימלען,
מיט זילבער פון באַרגיקע קרוינען.

און צו דיר וועל איך גיין
מיט האַרץ אויף אַ זאַנג
דורך די רוימען.

דאָ

א

קום אַהער, אין שטילקייט פֿון אַמבאַרן.
דאָ זאַמלען אוצרות דער ווינטער און דער האַרבסט.
דאָ וועסטו געפֿינען עפּל, באַרן
און אויך זיך אַליין — דעם פֿרילינג אין דײַן האַרץ.

ב

נישט אין שפּיגל קוק, נאָר אין דײַן אויג אַרײַן,
צום קליינעם פֿינטל בלאָ, וואָס ציטערט דאָרט.
דו וועסט דעם ברונעם זען, ווו דער קוואַל איז דײַן,
און שעפּ דײַן אייגנס אָן מיט ריינער קוואָרט.

ווען וועגן שטויבן זיך, ווען דאָס זאַמד פֿאַרשטעלט,
זוך דײַן שטעג צו זיך, אין די טיפֿן טויך.
קום אין שײַערן, ווו ס'האָט געזאַנגט דאָס פֿעלד
פֿון טאָלנס נידערן צו הימלען הויך.

דורך די פֿעלדער גיי. דו זאָלסט נישט לויפֿן, ניין,
נישט אויף קאַרוסעל, נישט מיט באַן און שיף.
דורך ברייטע פֿעלדער גיי, גיי צו זיך אַליין,
צו יענע שײַערן, וואָס שווײַגן טיף.

ג

אַ קריג פֿאַר פֿרייד. דאָ וועסטו נאָך די קריגער טרעפֿן.
דאָ גרינט אַ בוים מיט גוטסן ברייט צעעפֿנט.
דאָ ווערט דערלייזט ווער ליבשאַפֿט האָט געפֿונען.
דאָ וואַרט די טרייסט אויף וואָרצלען ביי אַ ברונעם.

ד

צו זײַן דאָ מיט ווײַטן,
צו אָטעמען צײַטן
מיט פֿויגל און דומם ;
מיט גרעזל פֿאַראָדערט
אין וועלטאַל-געוועב,
ביז פֿילן אין אייגענעם אָטעם
די רוימען
און הערן אין ריטמען פֿון דופּק
די וועלטנס באַוועגן.

דאָ, אין שטילקייט
אויף זײַטיקע וועגן.

אין האַלבער נאַכט

ס'איז גוט צו הערן אין האַלבער נאַכט,
ווי די שטילקייט עפנט ברייטע אָרעמס
אין צווייַגן פון אַ ווייַנשטאָק
און פאַנגט דעם ווינט.

די הויכע אייקאַליפטן זענען דאָן מקנא
דעם קליינעם ווייַנשטאָק,
און פייגל נידערן אַראָפּ פון זיי —
אַ ווייַנטרויב צו באַרירן.

אויך איך, מיט ווינט אין זיך,
איך בעט אין שעה דער דאָזיקער
דעם חסד פון אַ ווייַנשטאָק.

הויך, אין בלאָען הימל־קעלטער,
טרעט לבנה די שימערדיקע טרויבן
און שטרעקט צו מיר איר זילבערדיקן בעכער.
נאָר איך, דאָ צווישן פעלדער,
איך וויל, נאָך מער דערהויבן
און נאָך העכער.

ווי דער ווינט, אין אָרעמס פון דעם ווייַנשטאָק,
ווי דער פויגל, נעבן ווייַנטרויב —
איך וויל גרינעם ווייַן,
פונעם פעלדזאַפּט — די רו אין זיך אַרייַן!

דער גאַנצער חלל שווײַגט אַצינד אויף מײַנע שויבן
און איצט גלייב איך נישט אין שלעכטס און זינד.
ס׳איז האַלבע נאַכט,
דער ווײַנשטאָק ציטערט הייליק
און האַלט אין זײַנע אָרעמס
דעם דרעמלענדיקן ווינט.

אַ שטענגל אין ווינט

אַ שטענגל אין ווינט,
ווי אַ פינגער פון אַ שטיפער־קינד,
ציט נאָך זיך אַ בלאָע נעץ
און פאַנגט
דעם כמורנעם טינטפיש
פון מײַן געדאַנק.

מינאָר — מײַן האָרבסטיקע מוזיק,
בלײַבט שטיל און אײַנגעהערט.
ס'איז נאָר איין רגעדיקער בליק
צום זוים פון גליק — —
אַ שטענגל וויגט זיך אויף דער גרויסער ערד.

מײַן בוים אַליין

כ׳האָב זיך באַפרײַט
פון אײַער לויבגעשאַנק, די כיטרע גאָב,
כ׳בין פרעמד און ווײַט
פון פּילדערער, פון חנפן און פון סנאָב,
און מיר איז גוט
צו זײַן אַליין און ווײַט און פרעמד פון אײַך.
די שטילקייט טוט
און ס׳בליט מײַן בוים אַליין בײַם גרויסן טײַך.

אין קליינעם מלכות

ס׳דויערט לאַנג ביז אַט דער שעה,
ווען קומסט צוריק פון אַלע בּרכן.
פון וויַיטן ערגעץ קומסטו דאָ,
צו דיַינע שטוביק־פּיצל־זאַכן.

ביז געפינסט אין שטוב דערין
די אַלע יום־טובֿן און צערן.
בּיז דערזעסט אין טיש דעם גרין,
וואָס קענסט פון ווּקס און אויך פון דאָרן.

און ס׳ווערט די האַרטע שטול דער טראָן
אין קליינעם מלכות פון דיַין ווינקל.
דיַין שאָטן זיצט דאָרט אויבנאָן
און אַ טרער אויף דיר קרוינינק פינקלט.

בײַם ליכט

טומלען, גלאַנצן, שפּיגל־ווערטער —
נישט פֿאַר זיי מײַן אויג און אויער.
מער פֿאַרשלאָסן, מער פֿאַרקלערטער,
מיט פֿאַרטרויונג צו דעם טרויער.

שפּיצלער־וויצלער, שפּאַסיק־גרינגע
ווערן כיבען אין געזעמל.
איך, בײַם ליכט, וועל מײַנע פֿינגער
שטאַרקער פּרעסן צו דעם פּלעמל.

זיך מיט ליכט אַדורכצוגליִען,
ביז דעם שאָטן אויך באַזינען.
און די נאַכט וועל איך דורכפּריִען
מיט די לידער פֿון באַגינען.

אין קילקייט פון טײַכן

פֿאַרוואָר, איך האָב לײַכטזין געקאַרגט
און נישט געפֿונען אין טומלען פֿון מאַרק
מײַן לײַב און מײַן וועזן,
נאָר געזוכט און געזוכט מײַנס גלײַכן
אין די שטראָמיקע שפּיגלען פֿון טײַכן,
ווו עס פֿנימט די וועלט פֿון געוועזן.

אָ, קילקייט פֿון טײַכן —
פֿאַרשטאַנדיקער חסד פֿון יאָרן, וואָס ווייסן
צו טראַכטן און דאַכטן מיט דמיון — באַרעכנט,
מיט הארץ — אויף די וואָגן,
מיט וועלט — אין פֿאַרזיגלטע אויגן.

פֿאַרוואָר, איך האָב זיך בײַ טײַכן געבויגן
מיט אַ ווערביק געמיט און מיט פֿידלען באַהאַנגען,
און דאָס טרעריקסטע ליד, בײַנאַנד מיט הימנען־געזאַנגען,
שטראָמיק ווי וואַסער דורך מײַן האַרץ איז געגאַנגען,
און כ׳האָב געוואָרפֿן אַ נעץ — זיך אַליין דאָרט צו פֿאַנגען,
אין אָפּשוים פֿון אייביק, בקול דממה דקה,
אין קילקייט פֿון טײַכן, ווו אייביקייט פֿלאַקערט.

כ׳האָב געוואָרפֿן די נעץ און אַליין דאָרט געצאַפּלט,
אויף דנאָען פֿון טײַכן געפֿונען דעם שטאַפּל
צו זון און צו שטערן — און העכער און העכער.

כ׳האָב דאָרט געפֿונען וועלט־שבת־וווּנען,
און כ׳האָב דעם געלענדער פֿון ברעגן געזען אַרום טײַך,
ווי גאָטס בעכער.

דער ערשטער שטערן לײַכט

גערענקסט דעם ערשטן שטערן אויף דײַן אויג?
יאָ, כ'בין דעמאָלט נאָך געווען בלינדער רויג
אויף קאַלטער טיף אין שלומערניש פון ים,
מיט אַ קאַרעלעכל אין זאַמד בײַזאַם,
און דו, דו האָסט געטריפט אויף מײַן געזיכט
מיט מיליאָנען פינטעלעך פון ליכט.

מײַן אויג צעבלענדט — אַ שפּיגעלע פאַר גאָט,
ביז כ'האָב דערזען און אויך דערהערט דעם טראָט
פון גרויסן עמעץ, וואָס געגענט שאַ־שאַ
און זאָגט מיט ווארעמקייט, נעם, פּיצל, נאַ,
קום, נעם און זייג אַרײַן דעם זאַלב פון פרייד.
בלינד האָב איך דערזען — אַ שטערן גייט.

ער גייט, ער גייט פאַרזיגלען מײַן געשטאַלט.
אייביק ביסטו, שטערן, דײַן ליכט נאָך קוואַלט.
נאָר איין כמאַרעלע — און איך פרעג: אַוווּ?
און אין יעדן אומרו ביסטו מײַן רו.
דו גייסט מיט מיר אין חלום און אין וואָר.
דער ערשטער שטערן לײַכט אַלע יאָר.

געזאַנג

אויך אין דער שווערסטער שעה,
ווען נאַכט מיט חלף־בלאַנק
זוכט מײַן האַלדז —
בין איך דײַנער, געזאַנג,
מיט אַלץ.

פֿאַר דיר מײַן אָוונט און באַגין,
אין מײַנע אויגן ליכטיקט דײַן געשאַנק.
אין מײַן צופֿאַל ביסטו זין
און דער איבערבלײַב נאָך מײַן געצאַנק.

דערפֿאַר טו איך, ווי דו פֿאַרלאַנגסט,
כ'האָב אָנגעטאָן דײַן עול,
דעם גראָען זאַק, מײַן פֿליגלדיק געוועב.

און מיט דיר, געזאַנג,
אין שווערסטער שעה,
אַריבער דנאָ —
מיט פֿײַערדיקן שוועב.

ייִנגל־וועגן

ייִנגל־וועגן, פּײַער־ברונעם,
קלאָרער עמער פֿול מיט שטערן —
כ׳בין צו אײַך צוריקגעקומען
זינגען, ראַנגלען און באַגערן.

אַלדי אומעט דורכגעמאָסטן
ביז צו לעצטקייט פֿון דער נידער —
שײַנסטו אויף פֿון אַלע ראָסטן,
צו דיר, ייִנגשאַפֿט, קום איך ווידער.

כ׳פֿיל דײַן אָטעם אין מײַן ווינקל,
וועקסט מײַן מידקייט צו געראַנגלען.
ס׳רופֿט דײַן שטערן, ער נאָך פֿינקלט,
ער איז קיין מאָל נישט פֿאַרגאַנגען.

ווען גלויבנס ווייִנען

ביסט מײַן באַשערטקייט, פּרילינג,
אין דײַן ליכט בין איך געבוירן.
בײַם ערשטן צאַפּלען
אויף מײַנע בלינדע אַפּלען
האָסטו מיט פּעדעמלעך פֿון זון
צו דיר אויף אייביק מיך געבונדן
מיט ליד און וווּנדן.

פֿון תּמיד בין איך הונגעריק צו ליכט
און מיט די פֿליִער אין רוים
און מיט די טויכער אין ים —
מײַן יוירישׂ הערץ, וואָס לויפֿט פֿון האַרבסט,
ווי נאָר אַ פּערל, ווי נאָר אַ שטערן —
דיך צו טרעפֿן.

אַזוי פֿיל קנאַספּן ציטערן
און בעטן: עפֿן!

פּרילינג,
אַלע פּערל וועלן בלײַבן טיף געזונקען
און אַלע שטערן — בלינד
אָן דײַן באַריר.

פּרילינג,
מײַן תּפֿילה צו דיר אַצינד,
ווען גלויבנס ווייִנען
און עס שטייט מײַן דור
ווי אַ בעטלער אין דער טיר.

צו ניסן

כ׳האָב דיך ליב, שהחיינודיקער חודש.
דו גייסט אויף באַקרוינט מיט זון,
ווי אַ יונגער מורד
אין פרירנדיקן מלכות פון דער וועלט.

אויך איך — אין חיל דײַנעם,
מיט דײַנע הימלען דורכגעהעלט —
איך קלאַפּ אויף שלעסער פון די נעכט,
איך וועק די האַרבסט און ווינטער־קנעכט:
זײַט גרייט צו דעם געפעכט
מיט ווינט און כמאַרע,
דעם שוואַכסטן פויגל צו באַפרײַען!

מיר גייען נאָך דיר, יונגער מורד.
די באַזאַנגטע פעלדער מאַכן אונדז אַ וואַרע
און יעדע זאַנג איז דײַן כלי־זין.

דרייסט דער גאַנג.
מיר גייען, יונגער מורד,
נישט געמוראַשט,
מיט געזאַנג.
די פעלדער זענען ברייט
און קיינער נישט פאַרשטעלט.

אין אַלע שטײַגן קלאַפּן איצט די פייגל
אַ הימען צו דיר, מורד,
אין פרירנדיקן מלכות פון דער וועלט.

בשׂורות

דורך יעדן אָדער זאָגט מײַן האַרץ
אַ טרײַשאַפּט צו די וועלטן,
אַז מיך האָט נישט באַזיגט דער האַרבסט
צו יאָמערן און שעלטן.

אויך אַצינד, אַן אָפּגעענטפערטער —
נישט נורען אין אַ נאַרע.
איך האָב מוט צו זײַן אַ וואַרטער
אויף בשׂורות זוניק־קלאָרע.

קאָשמאַרן זענען בלינדער מוז
און איך האָב ליב די ליבע.
וועלטנס וועזן איז מײַן מהות, —
אַ גרעזל פון אַ גליבע!

אויב כמאַרעס — אַ שוועב מיט פייגל.
אויב טרערן — טוי אויף פעלדער.
מיט ליכט בין איך געאייגנט,
כ׳האָב ליב צו זײַן טאָגס מעלדער.

דער הירש צווישן בערגער לויפט שוין,
איך הייב צו זון מײַן פינגער
און איך זינג דאָס ליד פון אויפשטיין
ווי יעדער שוואַלבנזינגער.

איך זינג און ליב און דערוואַרט
דעם נס דעם אויפגעהעלטן.
דורך יעדן אָדער זאָגט מײַן האַרץ
אַ טרײַשאַפט צו די וועלטן.

רויזן אין נעפּל

ווען נישט די רויזן
וואָלט איך דײַן וועלט געזען הײַנט
ווי אַ בלינדער.
נאָר זיי, ווי פײַער-פינגער,
דעם נעפּל האָבן דורכגעבויערט,
די חשכות — אויפגעטויערט,
און איך — דורך נעפּל בין געגאַנגען,
אַן אַדורכגעחלומטער מיט זאַנגען
אין רעגנדיקע ברויזן.

אַ לויב צו זיי, די פײַערדיקע רויזן,
פֿאַר דעם אויפֿיויר פון אַלע גלוסטן.
ווי גוט ווען הײַזער הייבן אָן צו הויזן
אין גרויסן תוהו פון נעפּלדיקע פּוסטן.
ווידער שויבן — פּנימער און גרוסן,
ווידער אויגן — ווונק און טרערן.

אַ לויב צו זיי, זאָל עס די רויזן זכותן, —
כ'האָב ווידער ערד דערזען אין קרײַז פון שטערן.

אין רעגן

און דו — וואָס איז דיַין ווערק
אין טאָג ווען הימלען טוען,
ווען עס גלוסטן טאָל און בערג
צו גרעזלען און צו תבואהן?

נאָר אָן אויגן-נאַש פון רעגן-בויגן,
ווען שיַיערס שטייען אויסגעליידיקט
און קינד-און-קייט חלומען פון סטויגן.

נאָר אַ שירעמל דיַין קאָפּ צו שיצן,
ווען די הויכע קוזשניעס בליצן,
ווען ס׳פאַלן רינגען
און דונער-האַמערס שווינגען.

ביסט איצט נישט מער ווי אַ קעצל אויפן דאַך,
וואָס ציט זיך זשמורענדיק און טראַכט
פון פוילן ווילטאָג.

נעפּל, גאָרנישט. דיַין טאָג איז הוילטאָג.
אַז בעסער לאָז אַראָפּ די ברעמען.
אַלע רעגנדיקע וועלטן
מיט דיר זיך שעמען.

די פֿאַרגעסענע לידער

נאָך געפֿאַנגען אין טומל פֿון מענטשן,
נאָר איך הער שוין אין שטילקייט דײַן קומען.
דו וועסט עפֿענען טירן און ברענגען
דעם פֿאַרלוירענעם דופֿט פֿון די בלומען.

דו וועסט ווידער אַריבער יאָרידן
אַלע וווּנדער פֿון שטילקייט צעהעלן.
מיט אַ חלום פֿון שטערן-נגידים
קומען גאַסטן צו שויבן און שוועלן.

ס'וועט שוין זײַן נאָך די אַלע געלויפֿן,
נאָכן רויש און געשטוים פֿון האַרמידערס.
נאָכן גאַנצן יאַריד וועט מען קויפֿן
דעם פֿאַרשטויביקטן דימענט פֿון לידער.

און אויך מיך וועסטו דעמאָלט דערקענען,
ווי איך טראָג מיט געזאַנג די מתּנה,
ווי איך שמיד אײַן מיט פֿינגער, וואָס ברענען,
דעם דימענט אין רינג פֿון לבֿנה.

ס'איז די גאָב פֿון צעזונגענע ברידער,
אַלע פֿײַניק-געזאַלבטע און טרײַע.
ס'איז פֿאַר דיר, פֿאַר דער מלכּה פֿון לידער,
אָט דער דימענט פֿון געטלעכן פֿײַער.

סינדערעלאַ

און זי, סינדערעלאַ פֿון ליד,
באַדענקט זיך קלוג און זאָגט אַזוי:
איצט ווייס איך, פֿון פֿײַנען געניט,
אַז נישט איך וועל זײַן דעם פּירשטס פֿרוי.
מײַן פּאַלאַץ וועט בלײַבן דער וואַלד
און מײַן גאָלד וועט שפּיגלען פֿון טײַך.
דאָרט זע איך אַ כּישוף-געשטאַלט
און דאָרט בין איך פּירשטיק און רײַך.

און זי, סינדערעלאַ פֿון ליד,
אַזוי ווי זי איז — אין איר רים,
היט אַ מילגרוים אין איר געמיט,
שענער פֿון שיין, זיסער פֿון זים.
טיף אין איר — אַ גאָלדן-געציר,
ס'איז איר סוד, פֿאַר קיינעם נישט מער.
נאָר דער פֿויגל זעט אים אין איר,
ווען ער ווישט מיט פֿליגל איר טרער.

ווען זי גייט אַליין דורך דער וועלט,
דורך נאַכט און שאָטן, ווינט און בלינד.
לבנה — פֿון וואָלקן פֿאַרשטעלט,
נאָר דער מילגרוים — ער העלט און צינדט
פֿון טיפֿן געהיים פֿון געמיט
מיט וועלדער און טײַכן אין גאַנג.
און זי, סינדערעלאַ פֿון ליד,
איז שיין אין דער טרער פֿון געזאַנג.

אונדזער פּאַווע

גאָר פּלוצעם צעעפנט די פּאַווע
איר שירעם, דעם שטראַליקן בויגן.
גיט אַ בלענד אין שטויביקן אַוויר
דער גאָרטן פון געטלעכע רויזן.

און אַרום — די מידע געפליגל
מיט פילדערשער, פּלוידערשער קינאה.
זיי גאַגען דערשראָקן פאַר ניגון...
וואָס וווּנדער אין מיטן דערינען?

זיי לויפן פאַרבלענדטע און בלינדע,
מיט גענדזענע שנאָבלען צעבייזערט.
נאָר זי — אין די אויגן פון קינדער —
זי ציט איר פאַרחלומטע רייזע.

אין רונדן צעשוועבט זיך די פּאַווע,
מיט איר אַלע גאַפּער און שטוינער,
אַריבער דעם פענטיקן זשאַווער
צו סטרוניקע בריקן פון רוימען.

זי טרייסלט אַראָפּ אַלע שטויבן
מיט פּאַך פון צעמיניעטן שירעם.
און וואָס איר דער פּילדער פון דרויבן?
זי פליט און זי פליט — שיר־השירים!

זי פּאַכעט איר פּאַרביקן בויגן,
אַלץ העכער און ווײַטער צום דאָרטן...
און ס׳בליִען אין קינדישע אויגן
די רויזן פון געטלעכן גאָרטן.

זע, ווי רויזן ווערן אָפן

זע, ווי רויזן ווערן אָפן,
זיי ווייַזן זייער הארץ ביז אָדערן און שטענגל,
און ראָז און רויט צעפינקלען זיך מיט גלוסטן.
אויך איך ווי זיי קאָן איצט נישט שלאָפן,
איך זע די קנאָספן אין שטערן-הענגל
און איך שפרייט מייַן לייב מיט זשומערייַ
צווישן דייַנע קוסטן.

ביסט איצט אַ גאָרטן אין דער נאַכט,
און איך אויף זייַנע שטעגן שפרינג און וואַקל.
נאָך מיר ציִען וועלטן זייער שליאַך —
אַ שטראָז פון מילך,
און איך בייַם שטראָז — אַ ברענענדיקער פאַקל.

איך שווייַג, ווי וועל איך זאָגן ש י י ן,
איצט, ווען רויזן צינדן זיך אליין
און אַלע ווערטער זענען אָרעם?

איצט זע איך וועלטן אויף דייַן אָרעם.

אַ געזעגענונג אין דער פרי

מיר לאַכן און מיר וואַכן מיט גלי און סוד,
דערפרייט אויפן נס פון אַ באַקאַנטשאַפט.
די נאַכט — נאָך אונדז מיט איר גענאָד,
אַ כּישופדיקע לאַנדשאַפט.
דאָרט רײַט אונדזער חלום — דאָן קיכאָט,
און מיר נאָך אים, מיט ווײַבשאַפט און מיט מאַנשאַפט —
אַ סאַנשאָ־פּאַנשאַפט.

כּולו זײַד — די זוימען פון דער נאַכט,
און אויף איר פּאָן — דער מאָרגנשטערן.
מיר — דורכגעלאַכט און דורכגעוואַכט —
מיר וואַרטן, די זון זאָל פולער ווערן.
דאָס גאָלדענע אייזעלע איז גרייט —
ווידער הענדום־פּענדום!
איך באַדאַנק די נאַכט און פרעג בײַם טאָג:
ווּהין זיך ווענדן?

דאָס גאָלדענע אייזעלע איז גרייט
צו הוידן און צו שפּאַנען.
איך פיר אויף אים מײַן פרייד —
דאָס גאָלד פון אָרעמאַנען.
איך לאָד אים אָן און ער איז שוועב —
מיט טאָג און נאַכט בײַנאַנד געצווילינגט.
די ביימער וויגן זיך בײַם וועג
און אויף אונדז רעגנט קנאָספּעדיק דער פרילינג.

דאָס ליד פון בלאָע פונקען

און אַז אַלע קלאַנגען זענען שוין אַוועקגעגאַנגען,
די קוזשניע — ווי אַ חורבה אָפּגעשלאָסן,
פאַרטויבט די האַמערס און די צוואַנגען
און דער גליטאָפּ אונטער אַש שוין פאַרלאָשן —
האָט נאַכטיק־טיף, מיט דינסטן ציטער,
אַ פונק באַרירט אַן אײַזנשפּליטער
און צעשפּריצט קרישטאָלן.

האָט געשטוינט דער שמידער:
— וואָס פינקלט דאָרט אין חלל?
ווער צעפינקלט דאָרט די קוזשניע־לידער
איבער בערג און טאָלן?
דער גוף איז מיד
און ווער הייבט דאָרט דעם האַמער?
ווער צינדט דאָס ליד
און ווער איז דער צעפלאַמער?
אַרום וועמען טאַנצן דאָרט די פונקען?

און אויפגעשפּרונגען איז דער אַלטער שמידער,
מיט שווערן טראָט אַ וויג געטאָן די שוועלן:
— העי, ברידער!
שטייט אויף געזעלן!
שלאָף — קיין שלאָף, מײַן דאָרשט — צו פײַער.
צעבלאָזט די פונקען!
וואָס שלאָפט איר, יונגען, אײַנגעזונקען
ווי חומרים־העליפאַנטן?

בײַ טאָג האָט איר געזונגען װי די פּרינצן,
אַז אױך פֿון זשאַװער שײַנט — בריליאַנטן,
און אַז יעדע קונץ קאָנט איר דערקינצן.

האָבן זיך דערװועקט די צען געזעלן,
אין דער פֿינקלעניש — פֿאַרגאַפֿט, דערשראָקן, —
אַזאַ מין בלאָקייט! — װיאָלאַנטשעלן,
און האַמערס קלינגען — זילבערגלאָקן.
און פֿונקען, פֿונקען — מיליאָנען װוּנקען
טאַנצן, שפּרינגען און זיך שיטן, —
האָבן צען געזעלן געזונגען
און דער אַלטער שמיד אין מיטן.

מיט שװוערסטן האַמער — ער, דער זקן.
אױף דעם גליטאָפּ — זײַנע לאָקן.
בלאָער פֿײַער, — הימלען, ימען,
און די װײַסע לאָקן פֿלאַמען,
און פֿון הײסן שטערן שפּרינגען
פֿאַר די כּלות — גאָלדנרינגען
פֿאַר די בעטלערס — זילבערמינצן.
האָבן צען געזעלן געזונגען
אַרום אַלטן שמידער־מלך
דאָס ליד פֿון צען שמידער־פּרינצן:

פֿײַער — בלאָער! כּישוף, פֿײַער,
מינץ פֿאַר בעטלער, רינג פֿאַר כּלה,
העכער, האַמער, האַרץ — געטרײַער,
אונדזער מײַסטער ליבן אַלע.

דיר די מישפּט, דיר די גלישאַפט,
פונק און פײַער — תּמיד, תּמיד.
דיר די גלישאַפט, דיר די ליבשאַפט,
דיר די קרוין, ווײַל דיר דער כאָמעט.

האָט צעשמייכלט זיך דער זקן,
הענט פאַרלייגט אַרום דער טאַליע,
און אויף זײַנע ווײַסע לאָקן
האָט דער פלאַם ווי ים געכוואַליעט:

תּמיד גלישאַפט, תּמיד ליבשאַפט.
פײַער וויל איך, שמידן וועל איך!

און געהאַמערט מיט גענישאַפט
האָט דער אַלטער שמיד, דער מלך.

די צען פּרינצן, די געזעלן
פון זײַן ליד האָבן געטרונקען.
און עלף האַמערס — וויאָלאָנטשעלן —
אין דעם טאַנץ פון בלאָע פונקען.

גן־אָדם

גן־אָדם

א

צו דיר, זיידע אָדם,
כּבוד — זיידע אָדם,
ליבשאַפט פון געבלוטן,
מיטלייד מיט די ליידן.
איך, דײַן ווײַטער אייניק,
בין מיט דיר געאייניקט
אויפן אָפּוועג פון גן־עדן.

דער זעלבער אימה־פויגל — אומרו,
די זעלבע תּוהוקע געברומען.
זיי האָבן מיך ווי דיך געפונען.
נאָר געוואָלט אַ ביסל וויסן,
און זע, ווי נאַקעט און צעריסן
ס׳גייט מײַן דור אין קאַלטן האָגל.
כ׳זע דיך, זיידע, אינעם וואָגל.
דו ערשט־געניטער ליידן־קענער,
תּם דערשראָקענער אין וועלט פון תּוהו.
מיט דיר, אָדם — אַלע מענער,
מיט דײַן חוה — אַלע פרויען.

ב

און אַז צו־געוואָרן דער טויער פון גן־עדן
און אָדם האָט דערזען דעם בוים פון ליידן,
אויף גרויסער ערד דאָרנדיק צעוואַקסן,
שווער צעוויגט אַריבער זײַנע אַקסל —
האָט ער אָנגענומען דעם גזר פאַר ביידן:
— חוה מײַן, אומזיסט — פאַרדראָסן,
דער טויער פון גן־עדן איז צוגעשלאָסן,
נישטאָ קיין וועג זיך אומצוקערן,
לאָמיר גיין אַליין, אַליין,
און זען, וואָס ט׳אונדז באַשערן.

און ביידע אַזוי — אין שפּיגל פון צעגליטן שטיין
דערזען האָבן דעם אָוונט־שטערן:
די ערד איז גרוים גענוג
פאַר מיר און דיר צו זײַן און ווערן,
פאַר דיר און מיר צו פרוכפּערן און מערן.
און ביידע אַזוי, אַליינזאַם, זענען זיי געגאַנגען
אויף אַן ערד אָן וועלדער און אָן זאַנגען.
זייערע נאַקעטן האָבן געפלאַקערט
און זייערע שאָטנס האָבן טיף געאַקערט
דאָס פעלד פון ליידן,
דעם פײַערדיקן באָדן.

און זיי, צוויי — זענען געוועזן די ערשטע ביימער
מיט דעם טרערגעוויקס, די געוויינפערלעך פון ווי מיר,
ווײַט פון גן־עדן,
אין גן־אָדם.

ג

און ווען זי האָט אין רו פאַרוויגט
געלענט צו אים איר עפּלדיקע באַק,
האָט אָדם נאָך געשווידערט
פון זײַן גלוטגעשריי,
וואָס ער האָט מיט מענערווייי
פאַר גאָט אליין געוואָגט.

אין גן-עדן האָבן פייגל זיס
געגלעט גאָטס דרעמלענדיקע פּיס,
אין אָפּרו מיד פון זײַן גרויסן ווערק.
נאָר אָדם, דער דורכגעבליצטער מאַן,
ווײַט פון בלאָען שלווה-גן —
געטרייסלט האָט די בערג:

חוה מײַן, אַ קריג וועט זײַן
פאַר אונדזער פּנים, פאַר גאָטגעשטאַלט,
אַז שײַנען זאָל בײַם יורש וויג,
און ביידע וועלן מיר ווערן אַלט
פון זײַן געוועלטיקייט און געוואַלט,
און פאַרשפּעטיקן דעם זיג.

און ס'איז געווען די הייסע טרער פון חוהס אויג,
אין בלאָען נאַכט-ים ווי אַ צאַפּלענדיקע רויג
אין געזונק צום גרונט,
ווען אָדם האָט געשריִען זײַן מענטשנווּנד:
איך, וואָס בין געשטראָפט מיט שוואַך און קליין —
דורך דורות וועל איך גיין!

ד

און איצטער קום, זע, ווען איך האָב באַרירט אירע ליפּן
און זי לאָזט אין חלום אַראָפּ אירע ברעמען —
וואָס לאַכסטו נאָך, גאָט, וואָס פּרוּווסטו פאַרשעמען,
אַז זי איז נאָר ניוועץ, אַביינדל פון ריפּן,
אַן עפּעס פון ווּעמען — אַ ווײַבישער שוועכלינג,
און מיר ביידע בײַזאַם — צו דײַן פּוס נאָר אַ קנעכלונג,
מיט רגעם געשענקטע פון דײַנע גענאַדן.
וואָס לאַכסטו, באַשעפער, דאָ אין גן־אָדם?

מיר, אָדם־וחוה, צי זעמיר נאָר נעמען,
וואָס מעקסטו זיי מיט הויך פון אַלמעכטיקן אָטעם?
איצטער, ווען זי, מיט פאַרשלאָסענע ברעמען,
האָט אַלע ליכטער אין זיך פאַרשאָטנט;
אירע אויגן אַצינדער — ווי פּערלען אין בלוט־ים אין אירן — — —
אַלמאַכטיקער, הויכער, ווי קאָנסטו איצט פּרירן —
פרעמד צו איר סוד, וואָס האָסט נישט פאַרשטאַנען?
זי איז געטלעכקייט איצט! און אויך דו זײַ אַ מאמין,
פאַר איר שיינקייט צו שטוינען, אויף איר ווײַבלעכקייט — גאַפן.

באַשעפער, ליב־לויב צו חוהן,
אויך זי וועט די מענטשן באַשאַפן!

ה

כ׳וועל רופן מײַן היימערד: גן־אָדם.
זאָל אַלץ, וואָס דאָ וואַקסט און זיך כּאָוועט,
פֿאַרגרעזלען מיט ליבשאַפֿט אַ פֿאָדעם
צו אָדם, דעם קדמון לכּבוד.

ווער זעט אים בײַם טויער פֿאַרטריבן?
ווער דאַכט אים אין גלאַנצן פֿון טרערן?
זאָל ווערן בראשית געשריבן
צום אייביק פֿון מענטשלעכן ווערן.

ס׳איז גוט מיר צו טראַכטן גאָר אַנדערש
וועגן דיר, מײַן פֿאַרטריבענעם זיידן:
ביסט מיט שטאָלץ אַוועק צו דײַן וואַנדער
פֿון דער שלווה פֿונעם גן־עדן.

צום וואַקל און קלעטער פֿון מורא
אַריבער שוואַרץ־גלוטיקע דנאָען.
און דיך האָט דער פֿײַן נײַ געבוירן,
באַזינט און באַזונט מיט נסיון.

אויף רחבות פֿון ערד בראַנדיק, רויִק,
מיט מוט צו דער נאַכטיקער שפּאַנונג —
מיט חוהס אַ נײַע באַפֿרויונג,
מיט הייסן געפֿיל פֿון באַמאַנונג.

נישט בעטלונג צו געטלעכע גענאָדן,
נישט וואַרטונג צו הימל־נדבות.
נאָר אייגענע האַרונג — גן־אָדם,
מיט אייגענע פינגער געקאָוועט.

צום רום פאַר אַ גזע — מיליאָנען,
מיט געטלעכן בליץ אינעם שאַרבן.
פאַר מענטש, פאַר דעם ליכטיקן נאָמען —
אויף דורות צו זײַן און צו אַרבן.

אויף יעדן, אין יעדן — די שפּורן,
וואָס איר האָט פאַרזייט מיט די שפּאַנען.
פון אײַערע דרייסטע יסורים
בין איך אויך אויף ערדן פאַראַנען.

ביז טיפן פון וואַרצלשע קנאָדערם —
די טריט, די קדמונישע כּתבן.
פון זיי אין מיר זינגיק זיך אָדערט
דאָס ליד נײַ־בראשית צו חוהן.

צו איר און צו אים און צו אַלע,
וואָס גייען מיט וועלט־עול באַלאָדן.
ס'זאָל ווערן אויף אייביק נתעלה
פון אָדם דער ריזבוים גן־אָדם.

אינהאַלט

אין שאָטן פון מילגרוים

* הייב אָן 9
צו דיר 10
זע דעם באַרג 11
אַזוי רעדט דער ים 12
געבעט פון ווערטער 14
לאַנד פון נאַכט 16
* נישט איך דערווידער 17
פנימער 18
היינט 19
צווישן ברויט און זאַנג 20
אין סוד פון ווײַן 21
איינער בײַ שויבן 22
שפּענער 24

אין געסל יהל״ל

א. אויף מײַן בויגן 25
ב. שכנים 26
ג. אין אַ מײַזקן טאָג 27
ד. דאָקטוירים זאָגן 28
ה. אבלים 30
ו. צווישן ליכט 31
ז. נאַכט אין געסל יהל״ל 32

אַ גיטאַרע אין שטאָט א—ג 35
נאָך אַלע יאַרידן 39
צווישן אַרענעס א—ג 40
אין שאָטן פון מילגרוים 44
איך פרעג א—ה 46
דער שבט זינגער 49
כ׳האָב געלערנט 50
געבאָט 51

דער אורח נישט־רו 52
ספינקסן 53
סטײַעס פײגל 54
דו, עולה־רגל 55
געדענק 56
צו שטיל אויף די גאָלדענע װעגן א—ד 57

ליליפוטן

ליליפוטן א—יג 63

די געוויגן פון ים

דער ים ליגט פאַרגליווערט 83
שוואַנען אין שטורעם 85
אַ פעלדז בײַם ים 88
דער שוים פון ים 89
רוסאַליע 90
אַ ביסל זאַלץ 92
צווײ רעגנס 93
פון דער װײַט 94
צום ליכט פון ברעג 95

נעפּל און שטערן אויף דער סען

אַ פונק אין האַרבסט 99
ליכט און נעפּל 100
אַ פלאַש אויף דער סען 101
אויף די טראָטואַרן פון מאַדלען 102
דער מלך פון נאַכט 104
דאָס שוואַרצע פלעמל 106
בײַ אַ מאָנאַסטיר 108
אין אַ מערציקער נאַכט 109
אונדזער שיפל 110
פרילינג 112
אַפּריל 113
מישלין 114
אין ליכט 116
מײַ 118
אַ ניגון בײַ נאָטרדאַם 119
מײַן אַלטער װײַן 120
קרובים א—ב 122
צו בען א—ג 124

יאָדלעם אויף אַש

ייִדישע ווערטער	129
ווי ?	130
צו אַ יאָדלע	131
דו, פרעמדע לבנה	132
אויף מײַנע רײַזעס	133
דער טראָפּן בלוט פון בריזש	134
שאָטנס בײַם קאָרקאָוואַדאָ	
א. אין דופט פון ווינט	136
ב. דער טאַנץ	137
ג די גאָלדענע קאָטש	138
אין מאָזעסוויל	139
מײַן טאַטנס הויז	141
אין ווײַרויך	142
זאָלן ברענען די ליכט	143
אַ תּפילה פון דער פּוסטער ערד	146
אייביק ביסטו, שטערן	147
ווײַטע קוואַלן	148

סוד פון לאַנד

סוד פון לאַנד	151
גראָע שטײנדלעך	152
הייסע ערד	153
סינײַשער ציטער	154
ווי דײַנע בערג, אילת	155
לאָז איבער אַ טרער אין דעם מידבר	156
אַ מתּנה פון תּמנע	158
ברודער איילבערט	160
אין דײַנע אַלטע געסלעך	161
צום מילך־ייִד	162
צום שטערן פון די גרענעצן	164
און ווידער פרילינג	165
גרינע שטראָמען	166

געזאַנגען אין שײַער

זאַנגען	169
בײַם טויער פון צײַט	170
אין ווײַסן צוויט	172
מרידה	174

פרילינג, גראָז און פויגל 175
אַ תפילה 176
לעגענדע 177
חברים צוויי 178
איך בין 179
רײַפּער כּוס 180
אין לבנהש פעלד 181
אין מײַן רומל א—ג 182
דאָ א—ד 184
אין האַלבער נאַכט 186
אַ שטענגל אין ווינט 188
מײַן בוים אַליין 189
אין קליינעם מלכות 190
בײַם ליכט 191
אין קילקייט פון טײַכן 192
דער ערשטער שטערן לײַכט 193
געזאַנג 194
ייִנגל־וועגן 195
ווען גלויבנס וויינען 196
צו ניסן 197
בשׂורות 198
רויזן אין נעפּל 200
אין רעגן 201
די פאַרגעסענע לידער 202
סינדערעלאַ 203
אונדזער פּאַווע 204
זע, ווי רויזן ווערן אָפּן 206
אַ געזעגענונג אין דער פרי 207
דאָס ליד פון בלאָע פונקען 208

גן־עדן

גן־עדן א—ה 213

און צום סיום — מײַן דאַנק
די אַלע, וואָס האָבן מיט ליד־ליבשאַפט און מיט ממשותדיקער הילף
באַגלייט מײַנע „טריט אין גן־אָדם״:
„ספרית פועלים״ — די ערשטע היים פון מײַן ערשט ליד,
און דער ביכער־פאָנד בײַם ייִדישן שרײַבער פאַראיין אין ישׂראל.

ביכער פון אריה שמרי:

ל"ו שירים על לייזר ציפּרס

עברית — א. שלונסקי

„ספרית פועלים", תל־אביב, 1939

אין טויער פון טעג

לידער און פּאָעמעס

„ספרית פועלים", תל־אביב, 1947

אין וואָכיקן ליכט

לידער און פּאָעמעס

„ספרית פועלים", תל־אביב, 1953

אַ שטערן אין פעלד

לידער און פּאָעמעס

„די גאָלדענע קייט", תל־אביב, 1957

די פונקען פון תיקון

פּאָעמע, צייכענונגען פון בען

פאַרלאַג „י. ל. פרץ", תל־אביב, 1960